She swiftly unfastened her robe revealing her alabaster breasts, full, proud, like an eighteen-year-old princess. "Here, read what is engraved on my heart!"

He could not believe his eyes. In the very middle of her chest he read: *Zalmen Kindishman 1909 Lithuania*.

He fell upon her hot, heaving chest; she lay his head on her breast, her bare arms embracing him, kissing him for a long, long time…

*

Zalmen Kindishman's gray head lay on Naomi's breast as she kissed him unceasingly. He sobbed like a little child.

After a long, tranquil, healthy, normal life to have such a disruption, such an inner shock made him now burst into sobs, crying endlessly like a little child as he kissed her body, her chest, her breasts, her neck, kissing and crying.

"Why are you crying?" she asked after a long silence.

"This happiness is too strong, the wine too sparkling. I am afraid that now the final hour of my life will ring, because an Indian sorceress once told me: 'You shall wander the world, you shall wander much and long. You shall come to a land of eternal

light, and there shall be shown to you true happiness, the happiness called love. The first day you will be overwhelmed by that love. The next day it will intoxicate you. The third day you will weep from joy, your happiness will be boundless. Day and night that happiness will hold you in its arms, and that happiness will have blonde locks and eyes as dark as night. And on the fourth day she will give you a kiss; it will be the kiss of death. Both of you, naked, embracing one another, will die with love's kiss…' That's what the Indian sorceress Saka-siki told me."

She sbruptly tore herself from his arms and spoke as if answering someone, "I'm coming right away." She put on her wings and flew off like a butterfly through the open window. Though she had already gone, the beating of the wings could still be heard.

And Kindishman was left alone.

He sat down in the rocking chair by the window. The day, the noisy day, was in full swing. Up in the sky the airships were flying and down below on the ground the buses, cars, and streetcars sped ceaselessly, one after another. He tried to recall what had happened to him. But he was utterly incapable of understanding it. Could it have been a dream? No, the room was still redolent of her fragrance, of her fresh girlish scent. It was her, Naomi!

But where was she now? Why had she left so suddenly? And to whom had she gone? These thoughts plagued him, but he was snapped out of that spiritual disquiet by the telephone, which had lit up and started to speak.

"Friend Kindishman?"

"Yes. Who's speaking?"

"Chana Yugendboym."

"How are you my dear? Good morning to you and yours."

"Good morning. Why are you not here yet? What's kept you from coming? After you promised our father last night we've been waiting for you. You're coming straight away, right?"

"I'm leaving right now, my dear Chana."

He got up from the chair and decided to go to his friend Yugendboym's. They had enjoyed such a pleasant day yesterday. But now another question confronted him. Should he mention Naomi's visit or should he put it off for another time?

"For another time!" he concluded. He left his room and sat in the elevator down to the street.

13.

"How happy we are to meet you!" Yugendboym's daughters greeted Kindishman. "We've been waiting for you all morning."

Kindishman was in a cheerful mood. He told them stories about life in Palestine and showed them all kinds of games from the lands of the East. They went out into the garden. Yugendboym's girls—eighteen-year-old Chana and her elder sister Judith—took him impishly by the arm and they all plopped down on the green grass. Chana began:

"Friend Kindishman! Lying here on the green, fresh grass, tell us something of your youth. After all, life was completely different when you were young. And what's more, dad has always told us such interesting things about you it would be utterly ridiculous if you had nothing to tell us."

"Absolutely," added Yehudit.

Kindishman's heart shuddered at the mention of the word "youth," and he grew sad. Chana and Judith were surprised to observe the change that came over Kindishman's face, as he grew more and more pale.

"What's wrong?" the two of them asked, terrified.

"Nothing, my dear friends. Let's go to the Green Garden," he said softly. They got up, but Kindishman wearily remained lying on the grass.

"Leave me alone for a bit," he murmured.

They left him on his green bedding and entered the branch-covered summerhouse, or "bower," discomfited by Kindishman's recent mood.

They sat there for a while. The bower had always had a small library of "garden literature," as it was called, light stories, material for recitation. There was also a piano for playing the loveliest musical pieces. Chana started playing Einhorn's *Sonnets*.

Kindishman got up, his former good spirits returning. He walked into the bower and sat down next to Yehudit. He sat listening to Einhorn's *Sonnets* and his soul grew calm.

"Oh, what a lovely poet he is!" Judith said. "He is my favorite poet. Is he still alive?"

"Yes, he's now in Palestine. They're putting on a production of a new opera of his, *The Lithuanian Daughter*, with his words and music by the composer Acharonson. I got to meet him before I left."

"You know what," Chana, the younger sister, spoke up. "Let's take our guest to Professor Schwarzwald's lecture at the university today."

"Whose lecture?" Kindishman asked.

"Professor Shimon Schwarzwald. He is our most beloved lecturer. His lectures on Jewish literature are essays."

"Professor Schwarzwald? He must be about sixty, right?"

"Yes," Chana replied. "Do you know him?"

"He's one of my old friends. At the same time I met your father I also got to know the young and talented Schwarzwald. Might I know whom he is going to be speaking about today?"

"Of course. Today is going to be a very interesting topic: 'The great Peretz and how his contemporaries understood him.'"

"Yes, and you know what?" Kindishman interrupted. "We still haven't been to the Peretz monument. It would be the greatest injustice to be in Edenia for two days already and not to have visited the monument to our great national genius, Yitshak Leybush Peretz."

At that moment Yugendboym came in.

"Now, my friend," he turned to Kindishman, "I'm all free and ready. We can continue our unfinished city excursion from yesterday."

"Friend Kindishman wants to go to Peretz Street, to the Peretz monument," Chana replied to her father.

"Capital!" Yugendboym agreed, and the whole little family rose and decided to head to the Peretz monument.

*

Kindishman stood in front of the bronze statue of Peretz, his eyes buried in the profound, wise, and prophetic visage, which so many years earlier had foreseen what Kindishman's eyes now witnessed.

He read the motto inscribed on the monument:

*Light and Knowledge—Spirit and Beauty,*
*If not higher*.

— Y. L. Peretz

He bowed low, and stood like that for a long while. His walking companions, Yugendboym and his daughters, observed his innocence in astonishment. He was so deeply lost in thought.

"What are you thinking about, my friend?" Yugendboym interrupted his thoughts.

"Yes, there's quite a lot to think about," he answered and then began to tell a story.

"It was a long time ago. That one there looking out with his wide, aquiline face, his right hand shading his eyes as he stares off into the vast horizon—it was back when he was still alive. He was invited to the great capital F—— to give a reading of his work. He came by train. In a large beautiful hall he read his Hasidic stories, those artistic pearls that even the most modern among us in the schools in Palestine still read and teach to our children. He read the first story to a packed house. By the second story the hall was already half empty. And by the third only a few of his intimate friends and admirers were left. Then he started spinning a tale. This tale was about a golden future, whose meaning was felt and understood only by him and the few who heard it."

"Were people so uncouth back then that hearing him read his brilliant stories, from his own mouth, they could just leave the hall?" Yugendboym's daughters asked incredulously.

"Unfortunately, yes. There were such people, and at that time they were in the majority."

"The clock says it's one. It's time to head to the university for the lecture," Chana and Judith said to Kindishman. "Let's go. You'll get to see your old friend, and you'll get to see the youth filling up the large university auditorium, not to hear Peretz himself—unfortunately we're too late for that—but to hear about him. When there's a reading, that too is a holiday for us. And especially when it's our beloved Professor Schwarzwald doing the reading."

They got on the bus, the four of them taking their seats and calling for the Jewish University in the cultural district.

They arrived at a large, tall building made of concrete and marble. It was built in an old Jewish style, with two columns, and above the columns antique Oriental carvings, which in lively, radiant letters read:

*Jewish University*
*Built by the Community.*

They entered the packed auditorium. Male and female students filled the large hall with the glass roof. They entered between the two columns. He caught names well known to him. Here a group of students were debating the symbols from Peretz, while here, sitting in their seats, Kindishman, Yugendboym, and his daughters were listening in on the conversation of those sitting nearby.

"And I'm telling you," said one lovely brunette, heated and impassioned, to her girl friend, "Weissenberg's dramas are like chiseled sculptures. They have none of the light childishness of Asch. And that's why I say that Asch is a storyteller, a painter, but no dramatist. But I'm not talking about the young ones, like Feldman, Blimling, Leah Levinsky and the whole young school."

"I don't agree," the other girl replied. "Asch's merits are immense. Just read the 24$^{th}$ volume of Dr. Ellison where he presents his overview 'Fifty Years of Asch's Work' and you'll see that despite the fact that he is not one of his disciples and differs significantly from Schwarzwald, he nevertheless finds that after Peretz, Asch occupies the most important place in the literature. But I'm not talking about that young brilliant Blimling. We still can't judge him."

"Ruth, have you read it?" said an excited eighteen-year-old young man, running up to the censorious, darkly charming girl. "Have you read Blimling's new long poem in *Waterfall*?"

"No."

"It's outstanding. Come over to my place this evening and I'll give you the latest issue of *Waterfall*."

There was a hum and a commotion as all those assembled who were milling about the hall returned to their seats. A man ascended the dais. He was of average height with gold-rimmed glasses, long hair, its many locks hanging down, and dressed in a white waistcoat. A hush descended over the thousand-headed mass of youth. He began his lecture on the great Peretz. Professor Schwarzwald, the darling of young Jewish Edenia.

*

He finished his reading to thunderous applause. They hoisted him up with their hands. The air was full of flowers thrown by the female students at their beloved professor. The hall echoed with cheers:

*Long live the great, rich Jewish culture!*

*Long may he live in our memory, our national genius Peretz!*

*Long live Schwarzwald! Hooray! Hooray! Hooray!*

The cheers resounded in the street outside the university.

It was getting on toward evening. They all left University Street and found themselves not far from Tower Square, which Yugendboym had told him about as they sat in his room in the Freefolk.

“That’ll be enough for today,” Kindishman turned to his friend. “Too much happiness to absorb in one day.”

His eyes filled with tears. They were tears of joy from all that he had seen both inside the university and outside.

“Tomorrow, my friends, let’s visit Tower Square.”

“Well, if that is what friend Kindishman prefers, we’ll put it off till tomorrow.”

*

Kindishman returned to his room where he was seized by a deep longing to see Naomi. He walked over to the window. He was hoping he might meet her again. But in vain. He stood there for a long time and no one appeared. He went to the machine as he remembered that she had told him to press “N” and “B”, which he did. But no one answered. He grew restless and finally decided to go the Tower Square that evening, thinking he might meet her there.

*

On the corner of Shevchenko Street he boarded a "roof-tram" for speeding over the buildings' roofs and arrived at Edenia Tower. First he went to the library where he read his old, beloved Schopenhauer. Then he went to the garden. He very much wanted to meet Naomi, but not only did he not meet her, but actually there were no women there at all that day. He walked from the library over to the Art Museum and studied the plaster sculptures of Kritzenstein, Lisi-tsiki, Rosa Feingold. He walked up to the last, highest stair, closed the door behind him, and for a long, long time watched and watched, and thought and thought, and contemplated…

14.

One day passed, then another, and Kindishman was nowhere to be found. Naomi had been to his room more than once, but she didn't find him. Yugendboym and his family were very surprised that he hadn't come to visit for that many days. Their surprise changed to serious concern. They contacted all the public institutions. No answer. Would he have left without saying goodbye? It wasn't possible. He was too well-mannered to leave without telling anyone. A sadness took over Yugendboym's home. They all felt something oppressive on their souls. A concealed dread lay over everyone's face, Yugendboym as well as his daughters.

All of a sudden, one evening, the telephone desk lit up. Yugendboym sat down at the machine, his hand and voice trembling. He felt his heart warning him that he was about to be given bad news. A voice from the central community:

"Today at 7 in the evening, at sunset, there was found dead in the garden of Edenia Tower a young man in his mid-forties with dark, graying hair, and a smoothly shaved face. In the briefcase he had with him was the following calling card:

Zalmen Kindishman
Chairman of the Global Statistical Commission

Further investigation turned up your address. There were also many papers and manuscripts. Come right away to the Community Council, Department of Statistics for Births and Deaths. The cremation will take place tomorrow at 11 o'clock in the morning."

Everyone in the house was standing by the machine, watching the pallor that came over their father's face. They understood that something terrible had happened. They stood trembling like autumn leaves. Yugendboym fell into the chair, hardly able to answer his daughters' questions.

"Yes, Kindishman is dead."

And someone added: "Even in the city of the future, death will take his own…"

*Kharkov, 1918.*

# אין דער צוקונפֿט־שטאָט עדעניאַ

I

אין דעם גרעסטן, שענסטן האָטעל, „פֿרײַפֿאָלק“, אין „עדעניאַ“ איז געזעסן אין זײַן צימער אויפֿן 22סטן שטאָק אַ יונגער־מאַן פֿון מיטעלער הייך, דער פּנים גלאַט געראַזירט, די האָר פֿון קאָפּ שוין גרוילעך, זײַן בליק אַ מונטערער, אַ זיכערער. נאָכן אויסזען האָט מען אים געקענט געבן ניט מער ווי 40 יאָר, נאָר אין אמתן איז ער שוין געווען פֿיל עלטער, אַריבער 50.

ער איז געזעסן נעבן שרײַבטיש, אין אַ ווײגשטול, געהאַלטן דעם דראָטלאָזן „טעלעפֿאָן־ביכל“, אַ קוק געטאָן, געבלעטערט די פֿאָדערשטע בלעטער ווו ס׳איז געווען באַשריבן די טעכניק פֿון רעדן. ער האָט געענדיקט לייענען, איז צו צום פֿענצטערוואַנט, געבליבן אַ ווײַלע שטיין אַרויסקוקנדיק אויפֿן גאַס. אויף זײַן געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ צופֿרידענער, קינדערשער שמייכל. עס איז קענטיק געווען, אַז ער לעבט איצט איבער איינע פֿון די פֿריידיקסטע מינוטן זײַנע. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פֿאַרקלערט, ווי זיך וועלנדיק עמעצן אָדער עפּעס וואָס וויכטיקס דערמאָנען, ענדלעך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, צוגעגאַנגען צוריק צום שרײַבטיש, ווידער גענומען בלעטערן דעם טעלעפֿאָן־ביכל און געפֿינענדיק דעם וועמען ער האָט געזוכט האָט ער זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן פֿון פֿרייד און פֿאַר זיך אַליין אויסגערופֿן:

– יאָ, דאָס איז ער, מײַן אַלטער גוטער־פֿרײַנד יוגענדבוים! –

ער האָט אויפֿן שרײַבטיש געמאַכט אַזוי ווי פֿיגורן מיט די פֿינגער און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געשפּרעך.

– טעלעפֿאָן־צענטער? –

– יאָ, מײַן פֿרײַנד, וואָס פֿאַרלאַנגען זיי?

– י. מ. נ. 4! –

– גלײַך, מײַן פֿרײַנד.

פויזע.

– איך הער, ווער רעדט?

– פֿרײַנד יוגענדבוים?

– יאָ איך. ווער פֿרעגט?

– אײַער אַלטער, אַמאָליקער גוטער־פֿרײַנד און חבֿר זלמן קינדישמאַן. געדענקט איר אים?

פויזע.

– זלמן קינדישמאַן? – טאַקע? זלמן קינדישמאַן, איז עס מעגלעך? ווּ זײַט איר? ווּ געפֿינט איר זיך?

– האָטעל „פֿרײַפֿאָלק“ אויף גאָגאָל־גאַס.

– ווי, אויף „שלום־עליכם“־גאַס?

– יאָ, יאָ, אַנטשולדיקט מיר, כ׳האָב מיך דערמאָנט דעם נאָמען פֿון אַ מאָל מיט 25 יאָר צוריק.

– אַך, ווי מיר פֿרייט. איך קום גלײַך צו אײַך, האָטעל „פֿרײַפֿאָלק“, שלום־עליכם־גאַס 850?

– יאָ, דאַכט זיך, האָטעל „פֿרײַפֿאָלק“, צימער 101, ווינדע 7.

– צום גיכן זען זיך.

– צום ווידערזען.

## II

זלמן קינדישמאַן האָט פֿון פֿרייד ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער האָט אָנגעהויבן פּשוט צו טאַנצן איבערן צימער. זײַן בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן „אַווטאָטעלעפֿאָטאָפֿאָן“ – דאָס איז געווען אַזאַ מין אַפּאַראַט וואָס באַדינט די געסט פֿולקום אַנשטאָט אַמאָליקער באַדינערשאַפֿט.

ער איז געשטאַנען בײַם אַפּאַראַט, געפֿירט מיט די פֿינגער, האָט אָנגעדריקט דאָס ערשטע קנעפּל, נאָך דעם אַ צווייטע, אַ דריטע לויט ווי עס איז געווען אָנגעמערקט אויף דער „אָרדענונגס־קאַרטע“ און עס האָט זיך גלײַך דערהערט אַ שטימע:

– וואָס פֿאַרלאַנגט דער פֿרײַנד קינדישמאַן?

– קען מען גוטן ווײַן באַקומען?

– מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, אויב אײַער ווײַנקאַרטע איז נאָך ניט אויסגענוצט.

דעם געשפּרעך האָט זלמן קינדישמאַן געפֿירט דורכן „אַווטאָטעלעפֿאָטאָפֿאָן“, מיינענדיק, אַז ער רעדט דאָס מיט דער אַדמיניסטראַציע פֿון האָטעל, נאָר ער האָט אַ טעות געהאַט, אים האָט אָפּגעענטפֿערט דער אַפּאַראַט וועלכער פֿלעגט אין איין צײַט פֿאָטאָגראַפֿירן דעם גאַסט, אויסוויילן דאָס וואָס דער גאַסט באַשטעלט און אויטאָמאַטיש צושטעלן דורך די באַדינונגס־רערן, אַזוי פּינקטלעך ווי אַ מאָל פֿונעם טרײַסטן דינער.

זלמן קינדישמאַן האָט גענומען באַטראַכטן די באַקומענע צוויי לאָגעלעך ווײַן. ער האָט איבערגעלייענט דאָס באַלויכטענע פֿון אַ באַהאַלטן, פֿאַר אים אומפֿאַרשטענדלעך, עלעקטריש פֿײַערל:

„ווײַן־ברויערײַ „גפֿניה“ – עטוואָס נידעריקער – די טרויבן זײַנען „פֿון די קהלשע ווײַנגערטנער פֿון אוקראַיִנע און מאָלדאַוויע“.

ער האָט ניט באַוויזן איבערלייענען דאָס באַלויכטענע אויפֿן צווייטן לאָגעלע, ווי עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

– אַרײַן.

עס האָט זיך די טיר געעפֿנט און פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ מאַן פֿון עטוואָס העכער פֿון מיטעלן וווּקס מיט אַ גרוי־שוואַרצלעכן בערדל, אַ קלוג סימפּאַטיש געזיכט, אין ברילן. דער אַרײַנגעקומענער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע, אַרומגעקוקט זיך, אויסגעווישט די ברילן. קינדישמאַן איז אים אַנטקעגנגעקומען, ענדלעך זײַנען זיי איינע אויף די אַנדערע אויפֿן האַלדז אַרויפֿגעפֿאַלן, זיך ברידערלעך צעקושט און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ברייטן ווייכן פֿאָטעלשטול ווו ער האָט זיך פֿריִער געוויגט.

אַ פֿריידפֿולע, ניט לאַנג דויערנדיקע פּויזע.

– נו, וואָס מאַכסטו?

– וואָס מאַכסט דו?

– אָט זעסט דאָך, געריַיזט, געוואַנדערט איבער דער גרויסער וועלט, געווען אין אַפֿריקע, אַמעריקע, יאַפּאָניע, קיטײַ, אַרגענטינע, בראַזיליען און פּאַלעסטינע.

– אויך דאָרט? נו, ווי איז דאָרט, אין אונדזער לאַנד? אין פּאַלעסטינע?

– דאָרטן איז ווי אומעטום, ס׳איז דאָ גבֿירים, און ס׳איז דאָ קבצנים.

– ווי? – האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן יוגענדבוים – בײַ אײַך, דאָס הייסט, בײַ אונדז דאָרט אין פּאַלעסטינע איז נאָך ניט אײַנגעפֿירט די נײַע אָרדענונג?

– צום באַדויערן, ניין. און דערום קומט דאָרט זייער אָפֿט פֿאָר רעוואָלוציעס, אויפֿשטאַנדן, שטרײַקן, איך האָב די לעצטע פֿאָר יאָר דאָרט געלעבט, די פֿאַמיליע מײַנע וווינט נאָך איצט אויך דאָרט, אין „נאָרדיאָ“, אַ קליינע פּראָווינציאַלישע שטאָט, אַרום זעכצן טויזנט ייִדישע אײַנוווינער און אַרום דרײַסיק טויזנט אַראַבער.

– און ווי איז דאָרט דער אַלגעמיינער צוזאַמענלעבן מיט זיי, מיט די אַראַבער?

– ניט וואָס באַזונדערס, נאָר דערצייל בעסער דו, וואָס הערט זיך ביי אײַך, דו קענסט זיך ניט פֿאָרשטעלן מײַן פֿרייד, וואָס מיר איז באַשערט זיך נאָך מיט דיר צונויפֿטרעפֿן.

– אַך, וויפֿל האָב איך מי אָנגעווענדט צו דערגיין דײַן אַדרעס, כ׳האָב בריוו אין אַלע פֿאַרשידנסטע רעדאַקציעס געשיקט, און ווי אין וואַסער ביסטו אַרײַן. קיין ענטפֿער באַקומען, נאָר גאָט צו דאַנקען, וואָס דו לעבסט. וואָס מאַכט דײַן פֿרוי, דײַנע קינדער?

– מײַן פֿרוי – איך דאַנק – זי איז געזונט. דו ווייסט דאָך פֿון אַ מאָל, אויב דו געדענקסט, אַז ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע איז זי צוגעשטאַנען מיר זאָלן אַהין אַריבערפֿאָרן. איצט איז זי דאָרט פֿאַרוואַלטערין פֿון דער צענטראַלער אַרבעטער־ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען פֿון מאָריס ראָזענפֿעלד. מײַן זון געדענקסטו דאָך? – דער קליינער שלמהלע, וועלכן דו האָסט ליב געהאַט הערן זײַנע קינדערלידער זינגען, ער איז איצט פּריוואַט־דאָצענט אין „זשיטלאָווסקי־אוניווערסיטעט“, דאָס איז אַ הויכשול פֿאַר פֿילאָסאָפֿיע און עקאָנאָמיק. דערצו איז ער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון ליטעראַריש־קינסטלערישן חודש־זשורנאַל אין ייִדיש „וואָרט און געדאַנק“.

– איז דאָרט דען ייִדיש אָנערקענט אַלס רעכטלעכע שפּראַך ווי דאָ ביי אונדז, און האָט זי אַזאַ פֿאַרשפּרייטונג ווי ביי אונדז?

– יאָ, די גאַנצע אַרבעטערשאַפֿט און דער המון באַנוצט נאָך אויך איצט אומעטום ייִדיש. עס קומט פֿאָר זייער פֿיל קאָנפֿליקטן אויף דעם באָדן. דו גייסט אַרײַן אויף פּאָסט, צי אויפֿן וואָקזאַל, דו בעטסט אַ בילעט אויף ייִדיש, פֿאַרקרימט דער קאַסיר דעם נאָז און ענטפֿערט דיר ניט. נאָר וואָס ווײַטער אַלץ עקשנותדיקער איז דער קאַמף געוואָרן און די ברייטע פֿאָלקסמאַסן האָבן זייערע קינדער־גערטנער, שולן און זאָגאַר אוניווערסיטעטן ייִדישע, ניט העברעיִשע, אָנגעהויבן בויען, און זיי האָבן אַ גרויסן דערפֿאָלג.

– אַך, ווי מיר פֿרייט די איינצלהייטן – האָט זיך אָפּגערופֿן יוגענדבוים, נו און דײַן זון מוז געוויס זײַן איינער פֿון די קעמפֿער.

– דו פֿאַרשטייסט דאָך, דער „זשיטלאָווסקי־אוניווערסיטעט“, דאָרט ווערן אַלע לעקציעס אויף ייִדיש געלעזן און, ניט קוקנדיק וואָס די דאָרטיקע קהילה גיט אויף דעם קיין געלט ניט, דאָך איז ער שענער און רײַכער אויסגעשטאַט ווי זייערע „מאַרמאָרעק“־ און „וואָלפֿסאָן“־אוניווערסיטעטן. איבער הויפּט באַזוכן דעם נײַעם אוניווערסיטעט אויף „זשיטלאָווסקיס“ נאָמען די ניי־אָנגעקומענע פֿון אוקראַיִנע, מאָלדאַוויע, גרוזיע, דאַגעסטאַנער און דאָנער רעפּובליקן; פֿון ליטע, פּוילן און גאַליציען – דאָס זײַנען יענע, וועלכע גייען אין די רעגירונגס־שולן און ־אוניווערסיטעטן.

– מײַן זונס שילער האָבן זיך מיר אַזוי פֿיל אינטערעסאַנטס אָנגעדערציילט פֿון אײַער לעבן – האָט קינדישמאַן ווײַטער פֿאָרגעזעצט – אַז איך האָב אַן איבעריקן טאָג ניט געקענט אײַנזיצן און געמוזט קומען אַהער צו פֿאָרן, זען ווי זעט אויס די גאַס, די שטאָט, וועלכע מיט 25 יאָר צוריק האָט זי אונדזער שפּראַך ניט פֿאַרשטאַנען, וועלכע האָט פֿון אונדז געלאַכט, געשפּאָט, און איצט בין איך געקומען אַהער.

## III

זלמן האָט געעפֿנט די פֿלאַש ווײַן, אָנגעגאָסן די כּוסות, אויסגעטרונקען פֿאַר די אַמאָליקע יונגע יאָרן, פֿאַר דער צוקונפֿט און אויך פֿאַר דער קעגנוואַרט.

– איך בין דאָך פֿאָרזיצנדער פֿון דער אַלוועלטלעכער סטאַטיסטישער קאָמיסיע – האָט ווידער אָנגעהויבן קינדישמאַן – און וועגן דעם טאַקע האָב איך אַ מיסיע אויסצופאָרשן דעם וווּקס און פֿאָרשריט פֿון די ייִדן פֿון חוץ־לאָרץ, וועלכע לעבן אין אוקראַיִנע, מאָלדאַוויע, גרוזיע און דאַגעסטאַנער רעפּובליקן, און איך קען דיר זאָגן, זײַנענדיק גוט באַקאַנט מיט דער אַלגעמיינער ייִדישער לאַגע אין דער גאַנצער וועלט, אַז מיר קענען טרינקען אויך פֿאַר דער הערלעכער קעגנוואַרט אונדזערער, נעם די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון דײַטשלאַנד, ראָמאַניע, אַנגלאָ־סאַקסאָניע און אַמעריקע, וואָס פֿאַר אַ געזונט לעבן עס איז אויסגעוואַקסן פֿון דעם אַמאָליקן אײַנגעוואַנדערטן ייִדנטום. די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונגען די ייִדישע אַרבעטן דאָרט זייער פֿלײַסיק, אַז די פּאַלעסטינישע „כּנסת־הגדולה“ קען זיך אַ מוסטער אַראָפּנעמען.

– און וואָס בײַ אונדז? – האָט אים איבערגעשלאָגן יוגענדבוים – אָט האָט איצט אונדזער סיים אָנגענומען דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן „עלטערשוץ“, ד״ה אַז יעדער ווער עס ווערט אַלט 55 יאָר באַקומט ער פֿון דער קהילה זײַן שטענדיקע „לעבנס־קאַרטע“, ווערנדיק באַפֿרײַט אין דער זעלבער צײַט פֿון דער „אַרבעטספּליכט“ וואָס ליגט אויף יעדן בירגער אַלט ווערנדיק 18 יאָר.

די „שטענדיקע לעבנס־קאַרטע“ גיט דאָס רעכט פֿרײַ אומעטום צו רײַזן, געניסן פֿון אַלע גוטסקייטן, וואָס דער שעפֿערישער מענטשלעכער געדאַנק האָט פֿאַר דער לעצטער צײַט דערפֿונדן. דער ערדישער גן־עדן הייבט זיך אָן פֿאַרן מענטשן דאַן ווען ער האָט דעם גאַנצן לעבן געגעבן דער מענטשהייט, און אויך דאַן ווען די פֿיזישע קרעפֿטן הייבן אָן צו גיין צוריק, גיט אים די געזעלשאַפֿט אָפּ איר באַצאָלטס פֿאַר זײַן פֿיליאָריקער מי.

זיי זײַנען געזעסן, יוגענדבוים האָט דערציילט און דערציילט…

קינדישמאַן איז שיכּור געוואָרן, אים האָט דער קאָפּ אָנגעהויבן דרייען, נאָר ניט פֿון דעם ווײַן, וואָס ער האָט געטרונקען, נאָר פֿון אַלץ דאָס, וואָס יוגענדבוים האָט אים אָנגעדערציילט. עס איז פֿאַר אים אויפֿגעשטאַנען דער קאָנטראַסט פֿון די אַמאָליקע יאָרן, ווען זייביידע האָבן אַ מאָל אין גרויסן שטאָטגאָרטן, אויף אַ באַן ערגעץ ווײַט־ווײַט, אָן אַ זײַט, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן, ניט איין נאַכט איבערגענעכטיקט, ווײַל אין קיין האָטעל האָט מען זיי אַלס ייִדן ניט אַרײַנגעלאָזן.

– יאָ, איך געדענק – האָט אָפּגעענטפֿערט יוגענדבוים אויף קינדישמאַנס דערינערונגען, – און דערום וואָלט איך פֿאָרלייגן, אַזוי ווי אין גאַנצן האָסטו ווייניק צײַט בײַ אונדז צו פֿאַרווײַלן, קום, איך וועל דיר די שטאָט ווײַזן, וועסט זען דעם „גרינגאָרטן“, וועסט זען דעם „פֿרײַהייטספּלאַץ“, וועגן וואָס איך האָב דיר דערציילט.

– קום מײַן פֿרײַנד – האָט געענדיקט יוגענדבוים, זיך אויפֿהייבנדיק פֿון זײַן אָרט.

קינדישמאַן האָט זיך אויך אַנידערגעשטעלט.

– יאָ, מיר גייען – האָט ער מיט פֿאַרגעניגן אײַנגעשטימט, און די ביידע פֿרײַנד זענען אַרויס פֿון צימער.

IV

אַראָפּלאָזנדיק זיך מיט דער 7טער ווינדע פֿון 22סטן שטאָק וווּ זײַן צימער איז געווען, זײַנען ביידע פֿרײַנד געבליבן שטיין.

– באַלד – האָט דערקלערט יוגענדבוים – קומט דאָ אָן דער „אַעראָבאַן“, וועלן מיר אַ פֿאָר טאָן אין „גרינגאָרטן“.

– ווי זאָגסטו? – האָט פֿאַראינטערעסירנדיק זיך מיטן נײַעם נאָמען געפֿרעגט קינדישמאַן.

– אין „גרינגאָרטן“. דאָס איז דער נײַסטער טייל פֿון שטאָט וווּ ס׳איז געווען אין מײַנע צײַטן פֿעלדער, וועלדער, בלאָטעס און גריבער, געדענקסט דאָך, פֿון ייִדישן בית־עולם אָן.

– נו, איז דאָרט איצט דער שענסטער שטאָטטייל? אַ שיין אָרט אויסגעקליבן לעבן די „טויטן־ערטער“? – האָט איראָניש אונטערגעשמייכלט קינדישמאַן.

– זײַ רויִק, מײַן פֿרײַנד, קיין „טויטן־ערטער“ עקזיסטירן שוין בײַ אונדז לאַנג ניט.

– טאָ וווּ דען באַהאַלט איר די מתים? אָדער אפֿשר איז בײַ אײַך דערפֿונען געוואָרן אַ קעגנזעצלעך מיטל פֿאַרן מלאך־המוות?

– לאַך ניט, מײַן פֿרײַנד, אונדזער „מעדיצינישער אינסטיטוט“ מאַכט שוין אייניקע יאָר פּרוּווּנגען אויף קראָליקעס און פֿאַרשידענע חיות, ווּ מען שפּריצט אַרײַן אַ סערום די נאָר וואָס געשטאָרבענע אָדער דערהרגעטע און פֿון דעם לעבן זיי אָפּ. און פּראָפֿעסאָר ראַבינאָוויטש, דער דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט זאָגט אין זײַן זשורנאַל „די געזונטהייט“, אַז ס׳איז מעגלעך, אַז גאָר אין קורצן וועלן מיר קענען, ווען בײַ אַ מענטשן ענדיקט זיך די יאָרן פֿון אַלטקייט, אים אַרײַנגעבן אַ קינסטלעכע נײַע נשמה, און ער וועט ווידער קענען לעבן. נאָר דערווײַל איז עס נאָך אונטער מעדיצינישער עקספּערימענטור. נאָר דו האָסט דאָך געפֿרעגט ווּ באַהאַלטן מיר די מתים וועלכע שטאַרבן? – וועל איך דיר ענטפֿערן, אַז דו וועסט מיט מיר זײַן אין „גרינגאָרטן“ וועסטו זען אַ שיין 40־עטאַזשיק הויז, דאָס

„קרעמאַטאָריום“. דאָרט ווערן די מתים פֿאַרברענט און יעדנס אַש, אונטער אַ געוויסן נומער, געפֿינט זיך אין אַ באַזונדער קעסטל. און דערצו טרעפֿט בײַ אונדז זעלטן יונגע טויטן. דאָס לעבן איז אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז שטאַרבן שטאַרבט מען פֿון אַלטקייט, פֿון שוואַכקייט, אָבער ניט פֿון די צופֿעליקייטן אין די יונגע יאָרן, ווי אַ מאָל פֿלעגט זײַן. דער אַלטער דור שטאַרבט אָפּ, קיין מלחמות איז שוין אַ יאָר איין און צוואַנציק ניט פֿאָרגעקומען, – דעם נאָמען מלחמה וויסן זיי, די יוגנט, נאָר פֿון דער געשיכטע וואָס זיי לערנען אין די שולן; אין די ווײַטערדיקע קלאַסן פֿאַרנעמט אַ גרויסן אָרט די לערע פֿון „געזונט־פֿאַרהיטונג“. סײַ בחורים סײַ מיידלעך לערנען אין די עלטערע קלאַסן וועגן געשלעכטלעכן לעבן, ניט ווי אין אונדזערע צײַטן, ווען די יוגנט, איידער זי פֿלעגט גיין חתונה האָבן, פֿלעגט זי פֿריִער אַלע זומפּן פֿון לעבן דורכגיין; אין אונדזער צײַט דאָ, ווייסט מען ניט וואָס הייסט אַזוינס לעבנסזומפּ. אַ מיידל אין שול, לערנט צוזאַמען מיט נאַטור־וויסנשאַפֿט, געשיכטע, ליטעראַטור – אויך קאָכקונסט, געשלעכטלעכע וויסנשאַפֿט און דערציִונג. און וואָלטסטו זען אונדזערע יונגע מוטערס, ד״ה אונדזערע קינדער – גאַנץ אַנדערע ווי די אַמאָליקע וועלכע פֿלעגן וויסן דעם לעבן, דעם אינטימען לעבן, נאָך די פּאָרנאָגראַפֿישע ראָמאַנען, וואָס זיי פֿלעגן בשתּיקה לייענען.

– דו ווייסט, מײַן פֿרײַנד – האָט אים איבערגעשלאָגן קינדישמאַן, – צו וואָס זאָלן מיר זיך דאָ אַרומדרייען אויף צו וואַרטן אויפֿן „אַעראָבאַן“, ווו די גאַנצע וועג ביזן „גרינגאָרטן“ וועלן מיר זען נאָר די לופֿטפּוסטקייט? נאָמיר בעסער צו פֿוס גיין, אויב ס׳איז ניט צו ווײַט.

– נאָענט איז דאָס ניט – האָט אָפּגעענטפֿערט יוגענדבוים – נאָר דו ביסט גערעכט, פֿאַר דיר וועט פֿיל אינטערעסאַנטער זײַן צו פֿוס גיין, ווערסטו זען וואָס האָט די קהילה דורכגעמאַכט אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע 25 יאָר.

– וואָס עפּעס די קהילה? צי דען נאָר די ייִדישע קהילה האָט דאָס אַלץ אויסגעבויט? און אַווו זײַנען די זעלבסט־פֿאַרוואַלטונגען פֿון די איבעריקע פֿעלקער? – האָט געפֿרעגט קינדישמאַן.

– אונטער דעם וואָרט קהילה – מיין איך טאַקע די פֿעלקערלעכע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג. דאָ בײַ אונדז איז דער צונויפֿלעבן אַזוי רויִק, אַזוי קאָנפֿליקטלאָז, אַז דו קענסט ניט אונטערשיידן און אָפּטיילן פֿון איין קהילה, נאָמיר זאָגן די ייִדישע, פֿון זאָגאַר די אוקראַיִנישע, וועלכע איז די רעגירנדיקע. יעדע פֿעלקערלעכע קהילה האָט דאָס רעכט אויסצואַרבעטן איר געזעץ־פּראָיעקט, וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס אויסבעסערן פֿון שטאָט – ווען עס ווערט אָנגענומען אין אייגענעם ראַט ווערט די רעזאָלוציע מיטן פּראָיעקט אַריבערגעטראָגן אין צענטראַלן שטאָטישן ראַט און זי שטעלט עס אויף דער אָפּשטימונג פֿון אַלע פֿעלקער, וועלכע אירע דעפּוטאַטן זײַנען פֿאַרטראָטן, און בײַ אַ מערהייט שטימען ווערט עס אָנגענומען און גלײַך דורכגעפֿירט אין לעבן.

– איז הייסט עס, גייען מיר צו פֿוס, – האָט זיך ווידער געווענדט קינדישמאַן צו זײַן פֿרײַנד.

– פֿון מײַנט וועגן, ביטע, אָט וועל איך דיר טאַקע אונטער וועגס האָבן די געלעגנהייט צו ווײַזן פֿיל פֿון אונדזערע פֿאַרווירקלעכטע פּלענער וועלכע אַ דאַנק אונדזער איניציאַטיווע, דער איניציאַטיווע פֿון דער ייִדישער קהילה, איז עס אין לעבן פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

V

זיי האָבן ניט באַוויזן אָפּצוגיין קיין ראָג גאַס, זיי זײַנען נאָר געקומען צו „אַ גאָרטן־ווינקל“ – אַזוי האָבן געהייסן די „סקווערן“ וועלכע האָבן זיך געפֿונען בײַ יעדער אָנהייב גאַס –, ווי מיט אַ קינדישער נײַגעריקייט האָט זיך קינדישמאַנס בליק אָפּגעשטעלט אויף אַלץ דאָס וואָס ער האָט דאָ דערזען. צו ערשט איז ער צוגעגאַנגען נאָענט צום „שלום־עליכם“־דענקמאָל, אין דעם קליינעם מיט בלומען און גרינס באַצווײַגטן גערטל, איז אין רעכטן צענטער געווען פֿון מראַמאָרנעם שטיין אויסגעהאַקט די פֿיגור פֿון שלום־עליכם. איידער ער איז צוגעגאַנגען נאָענט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס זעט ער דעם לעבעדיקן „שלום־עליכם“, וועלכן ער האָט אַ מאָל, אַ מאָל, אין די קינדער־יאָרן געהערט לייענען אין שטאָט־טעאַטער פֿון זייער שטאָט אין דער ליטע, אַזוי לעבעדיק איז דאָס בילד געווען. שטייענדיק נאָענט האָט ער באַמערקט, אַז אויסער זײַן אויסערלעכן לעבעדיקן פּאָרטרעט איז אונטן דאָ פֿיל

באַרעליעפֿן. איינער רעכטס הייסט „די בירזשע אין מאַזעפּעווקע“. דאָרט זעט זיך אַ גרופּע ייִדישע מעקלערס בײַ אַ קאַפֿע, האַנדלען, וואַנדלען, און צווישן זיי בולטער פֿון אַלע פֿיגורן איז מנחם־מענדל, מיטן צעקנייטשטן שבתדיקן קאַפּעליוש, אַ שוואַרץ ציגן־בערדל, מיטן שטעקל; די פּאָזע איז ווי דרייענדיק מיטן גראָבן פֿינגער. אויף קינדישמאַנען האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָ געפֿינט ער זיך אין דער קריגסצײַט אויף איינער פֿון די באַלעבטסטע בירזשן אין יענער צײַט, ווען עס האָט נאָך געלעבט יענער בײַ ווענמעס „אָנדענקונגס־מאָל“ ער שטייט איצט. לינקס – נאָך אַ באַרעליעף, דאָס איז געווען אַ זעלטן רײַכע קאָמפּאָזיציע: אין מיטן פֿעלד, שטייט אַ פֿורל, קאַנען מילך, אַ בידנע קליאַטשע, אויפֿן וואָגן אָנגעפּאַקט אַ גאַנצע פֿאַמיליע מיט די שטוביקע בעבעכעס. און דאָ זײַנען די פֿיגורן אַזוי בולט, דו זעסט חווהן, האָדלען, שפּרינצען. לעבן יעדער טאָכטער איר באַשערטער – דאָ געפֿינט זיך כוועדריק און אויך דער „פֿעפֿערל“; אונטן אַן אויפֿשריפֿט: טבֿיה מיט דער משפּחה פֿאָרט קיין ארץ־ישׂראל“. און בולטער פֿאַר די ביידע באַרעליעפֿן וואַרפֿט זיך אין די אויגן דער באַגילדטער באַרעליעף, אַ דריטער, „ייִדישע קינדער“; דאָרט דערקענסטו גלײַך „יאָסעלע סאָלאָוויי“, בוזין, פּערעלען, דבֿורקען, מאָטל פּייסע דעם חזנס, פֿישעלע דעם שוחטס, געצעלען דעם לעפּישעוואַטן, בעניע מאיר פּאָלקאָוויס. צווישן דער גרופּע קינדער, יעדער מיט זײַן שמייכל, יעדער מיט זײַן מינע, בלאַנקען אַרום אונטן אויף דער גרינער לאָנקע מתושלח, – אַ ייִדיש פֿערד, ראַבטשיק – אַ הינטל, און מעניע – דאָס קעלבל.

זלמן קינדישמאַן האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אויף די באַרעליעפֿן ווו דאָס גאַנצע שאַפֿונג כּמעט שלום־עליכמס איז דאָ אויפֿן באַרעליעף־שטיין אויסגעקריצט געווען.

VI

זיי האָבן זיך אויף אַ באַנק דערבײַ צוגעזעצט, דער פֿאָנטאַן וואָס אין מיטן גערטל, האָט אָן אויפֿהער געשפּריצט מיט פֿרישן קרישטאָל קלאָרן וואַסער. די לופֿט אַרום, ניט קוקנדיק אויף דעם הייסן, ל״ג־בעומרדיקן טאָג איז געווען קיל, ווײַל דאָס וואַסער, וואָס ס׳האָט געפֿלאָסן פֿון פֿאָנטאַן האָט אויסער וואַסער אויך די לופֿט אָפּגעקילט מיט זײַן קאַלטן גאַז, וואָס ער לאָזט אַרויס.

– דו זעסט דעם פֿאָנטאַן? – האָט זיך יוגענדבוים צו זײַן פֿרײַנד געווענדט – אָט דאָס געהערט אויך דער איניציאַטיווע פֿון איינעם פֿון אונדזער קהילה־ראַט, ד״ר אינזשינער־כעמי לאַזאַר דענקמאַן, וואָס האָט מיט אייניקע יאָר צוריק געענדיקט אונדזער פּאָליטעכניקום.

– נו, וואָס איז דאָ אַזוינס דערפֿינדעריש? – האָט געפּרוּווט קינדישמאַן זיך דערקונדיקן.

– ערשטנס – האָט אָפּגעענטפֿערט אים יוגענדבוים, איז אויסער דעם פֿאָנטאַן וואָס ס׳איז ניט קיין נײַעס, וואָס ס׳האָט זיך שוין געפֿונען אַ מאָל אויך אין רײַכע „באַזונדער־ווינונגען“ איז דאָ דאָס נײַע, דער „אָפּקילנדיקער גאַז“ זומער, און ווינטער – דער „רעגולאַטאָר“, וואָס אין דער זעלבער צײַט וואָס זומער איז דאָס וואַסער קאַלט און גיט אַרויס אַ קאַלטן גאַז, איז ווינטער פּונקט פֿאַרקערט, דאָס וואַסער איז לעבלעך, און דער עיקר דער גאַז איז אַ וואַרעמער און עס ווערט רעגולירט די לופֿט אויף אַזוי פֿיל סאַזשען וויפֿל עס איז פֿון איין קוואַרטאַל ביזן צווייטן. ווען דו וואָלטסט זײַן בײַ אונדז ווינטער אין שטאָט וואָלטסטו זיך געוויס וווּנדער: דו זעסט ניט ווי אַ מאָל פּעלצן און וואַרעמע קליידער, ניין, די זעלבע לײַכטע זומערקליידער, קינסטלעך גרינט דאָס גראָז, בלומען לעבן און די פֿייגל אויף די ביימער אין די וועלדער, וועלכע זײַנען נאָענט צו די גרויסע שטעט, אַנטלויפֿן ניט ווי אַ מאָל אין די וואַרעמע לענדער, ניין. אָט דאָס אַלץ האָט דערפֿונדן אַ יונגער־מאַן פֿון 28 יאָר, וועלכער איז געגאַנגען אין אונדזערע קינדער־גערטנער, נאָך דעם אין אונדזער פֿאָלקשול, שפּעטער אין דער הויכשול, און שוין זײַנענדיק נאָך אַלס סטודענט האָט מען זײַנע געניאַלע פֿעיִקייטן אַרויסגעזען און, אין אייניקע יאָר אַרום ווען עס איז פֿאָרגעקומען די קהילה־וואַלן, איז ער דורך אַלס קאַנדידאַט פֿון די „ערדישע“ אין דער קהילה.

– ווי האָסטו געזאָגט – האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ פֿראַגע קינדישמאַן – מיט די שטימען פֿון די „ערדישע“? – וואָס איז דאָס אַזוינס?

– איך וועל דיר דערקלערן: צײַט בײַ אונדז איז אײַנגעפֿירט געוואָרן דאָס אַחדות־סיסטעם און ס׳איז בטל געוואָרן דאָס „געלט“, ווי מען האָט עס אַ מאָל גערופֿן, איז אויך בטל געוואָרן די אַלע פּאַרטייען, ווי סאָציאַליסטישע, ראַדיקאַלע, אאַז״וו. אַ געוויסע צײַט האָט נאָך די אַנאַרכיסטישע זיך געהאַלטן, נאָר עס זײַנען אויפֿגעקומען, ד״ה עס האָט זיך דיפֿערענצירט צוויי סעקטן – די „הימלישע“ און די „ערדישע“. די „הימלישע“ פּריידיקט אַנטזאָגן זיך פֿון אַלע תּענוגי־העולם, פֿון די פֿאַרגעניגנס וועלכע דאָס לעבן קען דיר געבן, עס איז דאָ נאָך אַ העכערע וועלט, זאָגן זיי, אַ שענערע – דאָס איז די הימלישע, די אַבסטראַקטע. זיי האָבן זייער ווייניק אָנהענגער, אין יעדער שטאָט קענסטו געפֿינען געציילטע מענטשן זייערע, זיי זײַנען ענלעך אויף די אַמאָליקע גריכישע אַסקעטן, אָדער די „הייליקע“, די אמתע פֿרומע מאָנאַכן, וואָס ס׳זײַנען געווען אַ מאָל אין גרויס־רוסלאַנד אין קייסערטום־צײַטן. די צווייטע סעקטע איז די „ערדישע“, וואָס זאָגט: „באַרײַכער און באַשענער דאָס לעבן, אַז דאָס הימלישע זאָל אויף דער ערד זײַן“, און די סעקטע האָט דעם גרעסטן דערפֿאָלג. זי האָט די אינטעליגענץ, די אַקאַדעמיע איז פֿאַר איר, און אויך די גאַנצע אַרבעטנדיקע פֿאָלקסאַרמיי.

## VII

דער קופּאָל־זייגער וואָס אויף דעם ראָג גאַס האָט 12 אויסגעשלאָגן, יוגענדבוים האָט זיך פֿון זײַן אָרט אויפֿגעהויבן.
– קום – האָט ער זיך צו אים געווענדט – מיר האָבן נאָך פֿיל צו זען, און אויב בײַ יעדער גערטל וועלן מיר זיך אָפּזעצן, דאַן וועט עס חדשים געדויערן ביז וואַנען איך וועל דיר דאָס אינטערעסאַנטסטע נאָר אַליין באַווײַזן.
– ביסט גערעכט – האָט אײַנגעשטימט קינדישמאַן און ער האָט זיך אויך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן אָרט און זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן רעכטס צו דער זײַט גערטל ווו עס האָט זיך געזען אַ שיין אויסגעבויט בײַדל אויף איילפֿאַרב אָפּגעפֿאָרבן. זיי זײַנען צו נאָענטער, זלמן האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט און איבערגעלייענט דעם אויפֿשריפֿט אויבן!
„דער צײַטונגס־ און ביכער־קיאָסק פֿון דער קהילה“
פֿון קיאָסק האָט אַרויסגעקוקט אַ יונגער־מאַנטשיק, אַ יאָר דרײַסיק, מיט אַ שוואַרץ בערדל. ער האָט זיך צו זיי געווענדט:
– מײַנע פֿרײַנד, וואָס אײַך פֿאָרלייגן, די מאָרגן־צײַטונג, די וואָכנטלעכע, אָדער גאָר דעם חודשלעכן זשורנאַל „די קהילה“ – שוין אַרויס פֿון דרוק דער 275סטער נומער.
קינדישמאַן האָט געבעטן פֿון אַלע די לעצטע נומערן, און פֿאַרגעסנדיק, אַז קיין געלט באַצאָלט מען דאָ ניט פֿאַר דאָס באַקומענע האָט ער די האַנט אין קעשענע אַרײַנגעשטעקט, נאָר יוגענדבוים האָט אים דערמאָנט.
– בײַ אונדז איז שוין אַ רעכט ביסל יאָרן ווי דער מין געלט איז גאָר ניט בנימצא, שוין ניט רעדנדיק וואָס דאָס האָט אָנגעוואָרן דעם גאַנצן צוציִונגס־קראַפֿט ווי אין אונדזערע אַמאָליקע צײַטן, ווען מענטשן זײַנען געווען אַזוי ווילד, אַז צוליב געלט פֿלעגן זיי מענטשן קוילענען.
– אויב דו וואָלטסט זיך ניט פֿוילן, מײַן פֿרײַנד, טאָ דערצייל מיר, ווען און ווי אַזוי איז דאָס פֿאָרגעקומען דאָס פֿאַרשווינדן פֿון געלט, אין דער צײַט ווען בײַ אונדז קען מען נאָך איצטער אויך ניט פּטור ווערן דערפֿון.
– אָט מיר׳ן גיין, וועל איך דיר דערציילן.
זיי זײַנען אַרויס פֿון גערטל, זיך אַ נעם געטאָן רעכטס, וועלכע גרענעצט זיך מיט מענדעלע־גאַס, נאָר ניט פֿון דער גאָרטנזײַט, נאָר פֿון דער צווייטער. יוגענדבוים האָט אָנגענומען זײַן פֿרײַנד פֿאַרן אָרעם און אים אָנגעהויבן, גייענדיק אויפֿן געפֿלאַסטערטן טראָטואַר, דערציילן.
– נאָך דעם גרויסן מלוכה־באַנקראָט אין יאָר 1925 איז בײַ אונדז אײַנגעפֿירט געוואָרן, נאָך אַ לאַנגן קאַמף און בלוט־פֿאַרגיסונג, דאָס „אַחדות־סיסטעם“, אָדער ווי זיי האָבן דאָס דאַן גערופֿן די „סאָציאַלע אָרדענונג“, ד״ה אַז יעדער מיטגליד פֿון דער קהילה מוז אָפּגעבן זײַן אַרבעט דער קהילה, געמיינדע, צי זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, יעדער לויט זײַן נאַציאָנאַלער אָנהענגערשאַפֿט. דערפֿאַר באַקומט אויך יעדער פֿון זײַן פֿעלקערלעכער קהילה, דעם ערשטן

פֿון חודש, זייַן „לעבנס־קאַרטע“. מיט דער קאַרטע באַקומט ער אַלץ וואָס ער האָט נייטיק פֿאַר זיך און אויך פֿאַר זייַן פֿאַמיליע, אַלץ וואָס ער האָט נייטיק אַלס מענטש און בירגער. קיין פּריוואַטע געשעפֿטן אַזוי ווי אין אַמאָליקע צייַטן זייַנען ניטאָ, דעריבער וועסטו ניט טרעפֿן ווי אַ מאָל קיין אָפֿענע געשעפֿטן, קראָמען, מערק, מיט געשרייען, הו־האַען אאַז"וו. די שטאָט איז צעטיילט אויף ראַיאָנען, קוואַרטאַלן, און אין די צענטראַלע שטאָטישע לאַגערן, וועלכע געפֿינען זיך אין די האַנדלס־קוואַרטאַלן באַקומסטו אַלץ, וואָס דו האָסט נייטיק. דערפֿאַר מוז אָבער יעדער זייַן אַרבעט אויך אָפּגעבן דער געמיינדע, יעדער צו וואָס ער איז פֿעיִק. אָט איך, למשל, בין אויסער־פֿאָרזיצנדער אין שטאָטישן קהילה־ראַט פֿון מייַן ראַיאָן, אויסגעקליבן אַלס אַרויסגעבער פֿון דער בילדונגס־סעקציע פֿאַר דער קולטור־ליגע פֿון גובערניאַלן בילדונגסראַט, און אָט ווי דאָס קומט פֿאָר: ווען אַ שרייַבער ברענגט מיר אַ ווערק צום דרוקן, דאַרף איך עס פֿריִער אַוועקטראָגן אין „קולטור־אַקאַדעמיע“, אָפּטיילונג „קריטיק“, און ווען די קריטיק־קאָמיסיע לייגט איר הסכּמה־שטעמפּל, אַז די זאַך, פֿון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט אָדער וויסנשאַפֿטלעכן, איז אויסגעהאַלטן, דאַן באַקום איך צוזאַמען מיטן באַשטעטיקונג־טאַלאָן אויך אַ טאַלאָן צו באַקומען פֿון שטאָטישן פּאַפּיר־לאַגער אַזוי פֿיל בויגן פּאַפּיר, און פֿון דער דרוק־קאָמיסיע אַ טאַלאָן אויף אַזוי פֿיל שעה אַרבעט – אויסגערעכנט וויפֿל עס דאַרף פֿאַרנעמען, אין דער שטאָטישער אַלפֿעלקערלעכער דרוקערייַ, וווּ עס זייַנען דאָ שריפֿט און אַרבעטער פֿון אַלע פֿעלקער וועלכע באַוווינען די שטאָט. ווען דאָס ווערק דערשייַנט פֿון דרוק מוז מען אויך דאָס גאַנצע אָפּגעדרוקטע עקזעמפּלאַרן אָפּשיקן אין בילדונגס־קאָמיסאַריאַט פֿון דער קהילה און זי שיקט פֿונאַנדער אַלע ביבליאָטעקן און בוך־אָפּטיילונגען, די פֿאַררעגיסטרירטע אין בילדונגסראַט.

די פֿאַרלעגער און בוך־פֿאַרוואַלטער, נאָך צען יאָר פֿלייַסיקער און ערלעכער אַרבעט, באַקומען דעם טיטל „פֿייַנבירגער“. דאָס גיט זיי דאָס רעכט אויף אָנדערטהאַלבן קאַרטנצאָל פֿון אַלץ דאָס, וואָס יעדער באַקומט נאָר איינע. דער אַווטאָר ווען ער ווערט פֿאַררעגיסטרירט אין „ליגע פֿון די אומשטערבלעכע“, וואָס דאָרט קענען פֿאַררעכנט ווערן איינציקע, די אמת טאַלאַנטפֿולע, פֿון גאָט געבענטשטע דיכטער, מאָלער, מוזיקער אאַז״וו, דאַן באַקומט דער יעניקער גאַנץ אויסעראָרדנטלעכע באַדינגונגען, ער ווערט געשיקט אויפֿן מלוכישן חשבון אין די רייַכסטע און שענסטע קולטורשטעט פֿון דער וועלט, ער באַקומט אַ פֿרייַע „וועלטאַלישע קאַרטע“, וואָס ס׳גיט אים, לויט די אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכונגען, דאָס פֿרייַע רייַזן אומעטום און אַלץ באַקומען אויפֿן חשבון פֿון זייַן מלוכה, ניט קוקנדיק אויף זייַן עלטער.

VIII

– פֿאַר וואָס זעט מען דאָ ניט קיין אָפֿענע געשעפֿטן? – האָט אַ פֿרעג געטאָן בייַ אים קינדישמאַן – מיר גייען און גייען, און אַלץ פֿאַרמאַכטע געבייַדעס, ס׳מאַכט דעם אייַנדרוק אַזוי ווי אין „עדעניאַ“ וואָלטן אַלע עפּעס אַ געהיימען סוד פֿאַרמאָגן. דערקלער מיר, מייַן פֿרייַנד.

– גאַנץ פּשוט, ווייַל מיר געפֿינען זיך איצט אין דעם קולטור־קוואַרטאַל. דייַן האָטעל געפֿינט זיך גראַדע אויף „שלום־עליכם“־גאַס, וועלכע געהערט צום קולטור־קוואַרטאַל. פֿאַרשטייסטו, מייַן ליבער פֿרייַנד, נאָך מיט יאָרן צוריק האָט מען די אַלטשטאָט אין גאַנצן איבערגעבויט און פֿונאַנדערגעטיילט אין קוואַרטאַלן: פֿאַבריקס־קוואַרטאַלן, געברויכס־געשעפֿטלעכע קוואַרטאַלן און קולטור־קוואַרטאַלן. אין דעם לעצטן קוואַרטאַל גייען אַרייַן אַלע רעדאַקציעס פֿון די צייַטונגען און זשורנאַלן, אוניווערסיטעטן און שולן.

זיי זייַנען געקומען ביז נאָך אַ ווינקל גאַס, זלמנען האָט פֿאַראינטערעסירט נאָך אַ בייַדל, נאָר דאָ זעט זיך שוין ניט קיין מענטשלעך געזיכט, אַרום און אַרום פֿון אַלע זייַטן פֿאַרקלעפּט מיט אַפֿישן, רויטע, בלויע, גרינע און ווייַסע. זיי זייַנען צו נאָענטער, יוגענדבוים האָט אים דערקלערט.

– דאָס איז אַ גאַנץ געוויינלעכער „אַפֿישן־קיאָסק“ פֿון דער ייִדישער קהילה.

– פֿאַרשטייסטו, מײַן פֿרײַנד, – האָט ער אים ווײַטער דערקלערט – יעדע פֿעלקערלעכע געמיינדע האָט זיך אירע קיאָסקן. יעדע גאַס האָט דאָך פֿיר עקן; איבער הויפּט זײַנען די גאַסן איצט איבערגעבויט – פּאַראַלעלע, פֿון ביידע זײַטן אָנהייב און ענדע – צו צוויי קיאָסקן פֿאַר צײַטונגען און מודעות קלעפּן.
זלמן האָט אָנגעהויבן לייענען די ערשטע גרינע אַפֿישע, וועלכע האָט צוגעצויגן זײַן אויפֿמערקזאַמקייט מיט דער קינסטלערישער קלישע־מאַרקע אירער:

„הײַנט 6¼ אָוונט וועט אין 1טן ייִדישן אָפּערן־הויז אויף פּרץ־גאַס געשטעלט ווערן די אָפּערע
**בײַ שלמהס טראָן**
בײַ דעם אָנטייל פֿון באַריטאָן שטימאַן און דער יונגער פּרימאַדאָנע חנה ווילענהאָף.
דער באַלעט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דירעקטאָר פֿון נײַ־געעפֿנטער באַלעטשול ה׳ לײַכטפֿיס. קינסטלערישע דעקאָראַציעס פֿון מאָלער פֿאַרבטאָן. מוזיק פֿון קאָמפּאָזיטאָר נאַכטיגאַל.“

ניט ענדיקנדיק לייענען די אַפֿישע – דערבײַ אַ צווייטע:

„אין דראַמאַטיש־קינסטלערישן קליינעם טעאַטער אויף מענדעלע־גאַס וועט צום 57סטן מאָל געשטעלט ווערן די טראַגעדיע
**1905סטער יאָר**
פֿון באַוווּסטן דראַמאַטורג אַ. פֿעלדמאַן.
די ראָל פֿון יונגן ייִדן וועט שפּילן – דער טראַגיק נאַכטשאָטן.
אָנהייב פּונקט 6¾.
עס גרייט זיך צום שטעלן דאָס לעצטע שאַפֿונג פֿון אַ. פֿעלדמאַן:
**גירוש־ליטע**
דער טאָג פֿון שטעלן וועט גענוי געמעלדט ווערן.“

IX

– אַך, סאַראַ נײַגעריק קינד דו ביסט – האָט שמייכלענדיק זיך אָפּגערופֿן יוגענדבוים צו זײַן פֿרײַנד – קום שוין, קום, אין „גרינגאָרטן“ וועסטו אויך אַפֿישן האָבן.
– ביסט גערעכט – האָט אײַנגעשטימט קינדישמאַן און ער האָט צוזאַמען מיט זײַן מיטשפּאַצירער זיך פֿאַרנומען לינקס, וועלכע האָט זיי אַרײַנגעפֿירט אין איינער פֿון די צענטראַלע לעבעדיקע גאַסן – אויף „שעווטשענקאָ“־גאַס.
זלמן קינדישמאַן איז געבליבן אַ ווײַלע אין פֿאַרטראַכטע דמיונות, פֿאַרבײַ אים זײַנען, ווי שדים, הין און צוריק דורכגעלאָפֿן 3–4־עטאַזשיקע אויטאָבוסן, מאָטאָרן, טראַמווײַען; רעכטס און לינקס – צוויי ברייטע אַלעען, בײַ די זײַטן – געדיכטע סאָסנעס, די צווײַגן זײַנען אַזוי געדיכט, אַז זיי לאָזן קוים־קוים אַדורך די זונשטראַלן, וועלכע ווילן זיך דורכרײַסן און פֿאַרנעמען אַן אָרט אויך אויף דער זאַמדיקער ערד צווישן די אַלעען. פֿול מענטשן אויף די רייען בענק, געקליידט אין העל ווײַסע זומערדיקע קאָסטיומען. די פּנימער שמייכלענדיק־לאַכנדיקע.
ער איז צו נאָענטער צום „ווינקל־גאָרטן“ און ניט־ווילנדיק האָט זײַן בליק געמוזט זיך אָפּשטעלן אויף דעם פּראַכטפֿולן בראָנזאָוון „אָנדענקונגס־מאָל“ פֿון שעווטשענקאָ. מיט גאָלדענע אותיות האָט אַרויסגעקוקט דער אויפֿשריפֿט:

דער נבֿיא פֿון אוקראַיִנע
**טאַראַס שעווטשענקאָ**
געבאָרן 25סטער פֿעוורואַל 1814

געשטאָרבן 26סטער פֿעוראַל 1861
זיי האָבן געוואָלט אַריבערגיין אויף דער צווייטער זײַט גאַס און אַרײַנגיין אין די אַלעען. יוגענדבוים האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף אַ קליין אומבאַמערקט בײַדל, וועלכע פֿירט אַריבער פֿון איין זײַט גאַס אויף דער צווייטער, אין די צענטראַלע, קאָכיקע גאַסן.
יוגענדבוים האָט אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל N, וואָס אויפֿן בײַדל, עס האָט זיך דאָס טירל געעפֿנט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גאַנץ באַקוועמען שטול און אויפֿהייבנדיק זיך אין דער הייך זײַנען זיי אומבאַמערקט אַראָפּ אין אָנהייב אַלעע. אַרויסגייענדיק האָט יוגענדבוים צוריק אַ דריק געטאָן, זעענדיק אַז קיין וואַרטנדיקע זײַנען ניטאָ, און אויטאָמאַטיש איז דער שטול אַוועק אויף זײַן פֿריִערדיקן אָרט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פֿון די בענק, קינדישמאַן האָט אַרויסגענומען זײַן פּעקל צײַטונגען. צו ערשט האָט ער גענומען לייענען דעם טעגלעכן בלאַט, און ווידער האָט זײַן אויפֿמערקזאַמקייט צוגעצויגן די מודעות, ווײַל אין אַלגעמיין האָט זיך די פּרעסע געפֿונען אין אַ שטילן, אומבאַוועגלעכן צושטאַנד: מען האָט זייער שווער, אַחוץ דעם פֿאָרמאַט, ניט געקענט אונטערשיידן פֿון אַ טעגלעכן בלאַט ביז אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל; דער אינהאַלט איז געווען כּמעט איין און דער זעלבער, קיין ספּעציעלע איבערראַשנדיקע נײַעס איז ניט געווען, און קיינער האָט עס ניט דערוואַרט אויך. די טעגלעכע צײַטונג פֿלעגט מער דינען אַלס אינפֿאָרמאַטיווע וועגווײַזערין פֿאַרן בירגער אין זײַן אַלטעגלעכן לעבן. די ליטעראַרישע זײַט, דער פֿעליעטאָן פֿלעגט זיך אויסשליסלעך פֿאַרנעמען מיט דערינערונגען פֿון דער גרויסער רוסישער און אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, פֿון דער וועלט־מלחמה, פֿון דעם אַמאָליקן רעכטלעכן צושטאַנד פֿון די ייִדן אין פֿאַרשידענע לענדער.
דאָס האָט פֿאַרנומען, נאָך די מודעות, דעם גרעסטן אָרט.

X

זיצנדיק אַזוי און לייענענדיק די צײַטונג האָט זיך דערהערט דאָס הוזשען פֿון דעם „אַעראָבאַן“, וועלכער האָט זיך דערנענטערט צו זיי. עס האָט זיך דערהערט דאָס פֿליגלרויש, און שטאַרקער, און נענטער עס ווערט די הוזשערײַ, און אָט האָט דאָס פֿויגלשיף שיף זיך אַראָפּגעלאָזן ניט ווײַט פֿון זיי, אויפֿן ראָג אַלעע ווו עס האַקט איבער איין גאַס די צווייטע.
עס זײַנען אַרויס פֿיל מענטשן, פֿרויען, קינדער, און נאָך מער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין „אַעראָבאַן“. צווישן די וועלכע זײַנען אַרײַן האָבן זיך אויך געפֿונען אונדזערע שפּאַצירנדיקע קינדישמאַן און יוגענדבוים.
זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די פּליושענע ווייכע בענק אין „אַעראָבאַן“, וועלכער האָט אַרײַנגענומען ביז הונדערט מאַן. דיביידע פֿרײַנד האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך איבערבײַטן מיט אייניקע ווערטער ווי דער אינסטרוקטאָר האָט אויסגערופֿן:
– גרינגאָרטן, פֿרײַהייטספּלאַץ – דרײַ מינוט שטיין.
זיי האָבן זיך צוזאַמען מיט די אַלע איבעריקע אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער און אַרויף אויף דעם ברייטן, פֿרײַען, דורכויס מיט גרינס אַרום פֿאַרפֿלאַנצטן פּלאַץ, וועלכער האָט געפֿירט אין די אינעווייניקסטע גאַסן פֿון „גרינגאָרטן“.
זיי זײַנען – אויפֿן „פֿרײַהייטספּלאַץ“.
דער „פֿרײַהייטספּלאַץ“ – דאָס איז געווען אַן אומגעהײַער גרויסער פֿירקאַנטיקער פּלאַץ, אײַנגעאָרדנט אין אַלע זײַטן מיט טריבונעס, איבער יעדער טריבונע איז געווען אַ „טאָגלײַכטער“ – אַן עלעקטרישער לאָמפּ, וועלכער גלײַכט אויס די נאַכט־פֿינצטערניש מיט דעם טאָגליכט. צווישן די אַלע טריבונעס איז געווען איינע אַ צענטראַלע – די בינע. אויף איר האָבן געקענט אָנטייל נעמען ביז פֿינף הונדערט מאַן, וועלכע פֿלעגן דורכפֿירן אין יום־טובֿים די גרויסע פֿאָלקס־פֿאָרשטעלונגען אונטערן פֿרײַען הימל, סײַ בײַ טאָג און סײַ בײַ נאַכט. איבער הויפּט פֿלעגט זיך אויסצייכענען די דעקאָראַטיווע טעאַטראַל־קונסט. זי איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אַלץ וואָס די רעזשי פֿלעגט נאָר דאַרפֿן: אַ וואַלד, אַ טײַך, אאַז״וו, פֿלעגט עס אויף עלעקטרישע מאָטאָרן אַרויסגעצויגן ווערן פֿון די אונטערערדישע הײלן פֿון

דעם „פֿרייַהייטספּלאַץ“. די גרויסע מאַסן־פֿאַרשטעלונגען אונטערן פֿרייַען הימל, דאָס זייַנען געווען די פּאָפּולערסטע פֿאָרשטעלונגען אין „עדעניאַ“.
זלמן קינדישמאַנען האָט פֿאַרכּישופֿט די שטאָלצע מאַיעסטעטישע סטאַטוע, „די פֿרייַהייט“, וועלכע האָט זיך געפֿונען אין סאַמע מיטן פּלאַץ און וועלכע האָט זיך געזען פֿון אַלע זייַטן. דאָס איז געווען איינע פֿון די קינסטלערישע שאַפֿונגען פֿון דעם באַרימטסטן סקולפּטורישן געניע מאַרק קריצענשטיין. די „פֿרייַהייטס־סטאַטוע“ האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאָלגנדעס:
אַ יונג מיידל, מיט אַ פֿלאַמיקן בליק, מיט פֿונאַנדערגעלאָזענע לאָקן, דערטרעטנדיק מיט אירע פֿיס אַ שלאַנג, וועלכער האָט איר אין גאַנצן אַרומגענומען, האַלט זי אין איין האַנט אַ בלוט רויטע פֿאָן – אין דער צווייטער – אַ שוואַרצע. אונטן, פֿון דער זייַט פֿון דער רויטער – אַ באַרעליעף, אויף אים הויכע באַריקאַדן, פֿלאַמענדיקע געזיכטער, ס׳קומט פֿאָר אַ קאַמף. פֿון דער צווייטער זייַט – אונטער דער שוואַרצער פֿאָן – אויך אַ באַרעליעף – די געפֿאַלענע קרבנות נאָכן קאַמף, דערשאָסענע, דערהרגעטע: אַ רוס, אַן אוקראַינער, אַ פּאָליאַק, אַ ייִד, אַ גרוזין אאַז״וו. מיט אַן אויפֿשריפֿט:
„צוזאַמען געקעמפֿט – צוזאַמען געשטאָרבן“.
בייַ דער „פֿרייַהייטס־סטאַטוע“ איז געווען דאָס באַליבטסטע אָרט פֿון דער יוגנט. דאָ פֿלעגט מען בלומען ברענגען, און די גאַנצע סטאַטוע איז געווען שטענדיק מיט בלומענקרענץ באַקרוינט, אַז קוים־קוים האָט מען געקענט באַמערקן די אויפֿשריפֿטן אויף די סקולפּטורן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף די באַרעליעפֿן.

## XI

זיי האָבן זיך אַרייַנגעכאַפּט אין דער בופֿעט־אַלעע ווו זיי האָבן לייַכט צוגעביסן און זיך גענומען ווייַטער באַקוקן דעם גרויסן, גרענעצלאָזן פּלאַץ. פֿון דער ווייַטן האָבן זיי דערזען דאָס אָנקומען פֿון די שולקינדער, עס האָט זיך צו זיי דערטראָגן דאָס מילדע געזאַנג פֿון טויזנטער יונגע שטימעלעך, פֿון פֿיר־פֿינף־יאָריקע קינדער, וועלכע קומען דאָ הייַנט פֿייַערן זייער באַליבטן קינדער־יום־טובֿ – ל״ג־בעומר. קינדישמאַן און יוגענדבוים האָבן פֿאַרנומען אַ פּלאַץ אויף דער אָנזיכט־גאַלעריי. דער שטראָם פֿון די אָנקומענדיקע קינדער איז אַלץ גרעסער געוואָרן. ייִנגלעך, מיידלעך, פּאָרלעכווייַז, מיט לייַכטנדיקע שייַנענדיקע געזיכטעלעך, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זייערע לערערינס און לערערס מאַרשירן אויפֿן „פֿרייַהייטספּלאַץ“, יעדעס קינד האָט אין האַנט אַ פֿייַל־און־בויגן – דער סימוואָל פֿון הייַנטיקן יו״ט. אויפֿן לאַץ – אַ פֿעלדבלימל וועלכע זיי האָבן אין וואַלד אָנגעריסן, פֿון וואַנען זיי קומען איצט אָן. דאָס ערשטע פּאָרל, וואָס ס׳האָט זיך באַוויזן און וואָס האָט זיך דערנענטערט צו די טריבונעס האָט געהאַלטן אַ פֿאָן, אויפֿן פֿאָן אַן אויפֿשריפֿט:

מיר טאַנצן און שפּילן
מיר לאַכן און שטיפֿן.
מיר – ייִדישע קינדער,
הייַנט איז אונדזער יום־טובֿ – ל״ג־בעומר!

די מוזיק פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די מיטלשולן און קינדער־גערטנער וועלכער האָט שוין פֿאַרנומען אַ טריבונע, שפּילט דעם קינדער־הימען און די קינדער, זינגענדיק מאַרשירן, מיט אויסגעשטעלטע בריסטעלעך, אָפֿענע העלדזעלעך, פֿלאַמענדיקע בעקעלעך און אייגעלעך, זינגען זיי אַלע ווי איינער:

זומער, זומער
גייען מיר אין וואַלד (2 מאָל)

זינגען דאָרטן פֿייגעלעך,
פֿייגעלעך, –
יונג און אַלט. (2 מאָל)
– –

ווינטער, ווינטער,
ליגן מיר אין שניי; (2 מאָל)
קולקעס שניי וואַרפֿן מיר,
וואַרפֿן מיר –
איינס און צוויי. (2 מאָל)
– –

פּסח, פּסח,
שפּילן מיר אין ניס; (2 מאָל)
צעגרינען זיך די גרעזעלעך,
גרעזעלעך –
פֿון זומער – אַ גריס. (2 מאָל)
– –

סוכּות, סוכּות,
שפּילן מיר אין סכך, (2 מאָל)
ווינטן קאַלטע פֿײַפֿן שוין,
פֿײַפֿן שוין –
באַרעגנט ווערט דער דאַך. (2 מאָל)
– –

קינדער, קינדער,
גייט זשע טריט בײַ טריט; (2 מאָל)
מעג דונערן און בליצן,
בליצן –
אונדז אַרט עס ניט!... (2 מאָל)
– –

זלמן קינדישמאַן איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו דעם זיס־מעלאָדישן קינדישן געזאַנג, און אין דעם מאָמענט וואָלט ער דאָס גאַנצע לעבן זײַנס אָפּגעגעבן צו ווערן צוריק אַ קינד. אַ קליין פֿיריאָריק ייִנגל, מאַרשירן צוזאַמען מיט זיי, און זינגען צוזאַמען מיט זיי דעם נאַיִוון קינדערשן ליד פֿון זומער און ווינטער... נאָר דאָ האָבן אים זײַנע געדאַנקען איבערגעריסן דאָס פּײַקלען פֿון די פּײַקלער, וועלכע האָט באַטײַט, אַז די ערשטע אָפּטיילונג פֿון לידער־געזאַנג איז געענדיקט און איצט וועט פֿון די טריבונעס דערקלערט ווערן פֿאַר די קינדער די באַדײַטונג פֿון ל״ג־בעומר. איינציקווײַז זײַנען אויף דער הויפּט־טריבונע אַרויף קינדער פֿון די עלטערע קלאַסן, עלטערן, די פֿרעבעליסטינס און לערערס און ס׳האָט זיך געענדיקט די צווייטע אָפּטיילונג. די שענסטע אָפּטיילונג איז געווען די דריטע ווען דאָס פּײַקל האָט ווידער אָנגעהויבן פּײַקלען און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די קינדער־פֿאָרשטעלונג, ווו ס׳האָבן אָנטייל גענומען ביז 200 קינדער אין דער פּיעסע „ל״ג־בעומר“.

זלמן קינדישמאַן האָט זיך ניט געקענט אָנקוקן פֿון דאָס וואָס ער זעט מיט זײַנע אויגן, אים האָט זיך אין דעם מאָמענט אויסגעדוכט, אַז דאָס לייענט ער אַ פֿאַנטאַסטישן ראָמאַן, אַז דאָס זעט ער אַ שיינעם קינדער־חלום, אָדער ער הערט אַ מעשׂהלע, וואָס מען דערציילט אַ קינד בײַם פֿאַרוויגן. נאָר דאָס אָפּטע פּויקן פֿון די פּײַקלער בײַם אָנהייבן אַ נײַעם טייל פֿון דער פּראָגראַם פֿלעגט אים אויפֿוועקן פֿון זײַנע חלומות.

עס איז גראַדע איצט פֿאָרגעקומען די ספּאָרט־אָפּטיילונג, מען האָט דורכגעפֿירט „יעקבֿס לייטער“, דאָס איז אַ לייטער פֿון 500 יונגע בחורים פֿון די עלטערע קלאַסן, איינער אויף דעם אַנדערן שטעלן זיי זיך אַרויף, און ווען דער לעצטער, דער 500סטער איז שוין אויבן, דאַן לאָזט ער בליציקע ראַקעטן און דערמיט ווערט געשלאָסן די פֿאַרווײַלונג.

עס האָט אָנגעהויבן טונקלען, די זון האָט זיך אָנגעהויבן שפּילן אין אַ רויט־פֿאַרליבעניש, די קינדער מיט זייערע מוזיק־אָרקעסטרען האָבן זיך געלאָזן גיין צוריק אין וואַלד און פֿון דאָרט ווערט פֿאָרגעזעצט דער יו״ט אויפֿן טײַך „אוקראַיִנאַ“, ווּ דער ספּאָרטפֿאַראיין „יוגנט“ פֿירט דורך זײַנע גימנאַסטישע וואַסער־נומערן. נאָר קינדישמאַן איז געווען מיד פֿון אַלץ דאָס, וואָס ער האָט געזען, געטראַכט און איבערגעלעבט, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין אַהיים צו זיך אין נומער אין „פֿרײַפּאָלק“.

זיי האָבן זיך בײַם „אַעראָבאַן“־פּלאַטפֿאָרם, וואָס לעבן „פֿרײַהייטספּלאַץ“ פֿאַראָפּשיידט. קינדישמאַן האָט געמוזט צוזאָגן זײַן פֿרײַנד יוגענדבוים, אַז מאָרגן באַזוכט ער אים, ער וועט אים באַקענען מיט זײַנע טעכטער, און נאָך פֿיל אינטערעסאַנטס וועט ער אים דורכווײַזן.

זיי זײַנען יעדער אַרײַן אין זײַן „אַעראָבאַן“, דאָס לופֿטשיף האָט מיט זײַנע פֿליגלען זיך צעפֿאָכעט, די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף „עדעניאַ“, נאָר אַ נאַכט אַ לײַכטנדיקע, באַלויכטן דער הימל מיט שטערן, די גאַסן מיט „טאָגלײַכטער“, די אַלעען און סקווערן – פֿול מענטשן, יונג און אַלט, מען באַגעגנט די נאַכט־מלכּה, מען טרוימט, מען ליבט, און אַ ברכה רוט אויף „עדעניאַ“ – דאָס האָט גאָט דער שעפֿער געבענטשט די אָנקומענדיקע נאַכט פֿון שיינעם בלויען זומער אין דער גרינער באַצווײַגטער און לעבנס־לוסטיקער „עדעניאַ“.

## XII

די נאַכט איז אַוועק.

פֿאַר טאָג. דער הימל אין מיזרח רויטלט זיך, דאָ איז ער ראָז ווי די בעקעלעך בײַ אַ יונג קינד, דאָ ווערט ער פֿיאָלעט. זלמן קינדישמאַן איז שוין אויף, ער איז איבער הויפּט ניט געוווינט צו שלאָפֿן שפּעט. ער איז נאָר וואָס אַרויס פֿון וואַנע, דורכגעמאַכט זײַן אַלטעגלעכן גימנאַסטיק־קורס, אָנגעטאָן זײַן פֿרימאָרגן־בלוזע, איז צום פֿענצטער, וועלכער איז אַ גאַנצע נאַכט געווען אָפֿן – אַזוי שלאָפֿט ער שוין פֿיל יאָרן.

די פֿאַרטאָגלופֿט איז געווען קיל און פֿריש, אַ רעגנדל, אַ גאָטסגעבענטשטער האָט דורכגעצוואָגן די נאַכטלופֿט, און אויף יעדן בוים זײַנען ווי גאָלדענע טרערן געלעגן די טראָפּנס פֿון נאַכטיקן רעגן. דער זינגפֿויגל, וואָס אין זײַן צימער, האָט זעקס מאָל זײַן מאָרגנליד געזונגען און געגעבן צו וויסן, אַז דער זייגער איז זעקס. ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף דער שטילער שלאָפֿנדיקער גאַס; שאַ, שטיל, קיין גאַסן־גערויש, קיין אויטאָבוסן, אַעראָבאַנען – אַלץ שלאָפֿט און טרוימט.

זלמן האָט הײַנטיקע נאַכט ניט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן, די אַלע געזעענע בילדער, דער „פֿרײַהייטספּלאַץ“, די דענקמעלער, די מאַרשירנדיקע קינדער – דאָס אַלץ האָט זיך צונויפֿגעפֿלאָכטן אין איין פֿאַנטאַסטיש בילד און געשטערט אים זײַן שלאָף. שוין לאַנג האָט זײַן גײַסט און פֿאַנטאַזיע אַזוי ראַשיק ניט געאַרבעט ווי די נאַכט: דאָ איז ער אין יפֿו, דאָ אין מצרים, דאָ אין סאַנט־טאָמאַס און דאָ אויף די קאָרסיקאַנישע אינדזלען. ער האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט אומגעוואָרפֿן פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז ער קוים אײַנגעשלאָפֿן.

– – – –

זלמן קינדישמאַן איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער, זײַן ברייטע פֿרימאָרגן־בלוזע פֿונאַנדערגעשפּיליעט, די האַלדז – אַן אָפּענע. ער האָט זיך געפֿילט זייער גוט נאָך דער פֿרימאָרגן־וואַנע, וואָס ער האָט נאָר וואָס גענומען אין זײַן

צימער, וועלכער איז געווען מיט דעם פֿולסטן קאָמפֿאָרט אײַנגעאָרדנט. ער איז געשטאַנען אַזוי אומבאַוועגלעך, אָנגעשפּאַרט אָן פּאָרענטש פֿון פֿענצטער, ער האָט זיך פֿאַרטראַכט אָן דער הייסער מיזרח־לאַנד, אָן דער לאַנד וווּ אַ טייל פֿון זײַן פֿאָלק ווינט אַ זעלבשטענדיק לעבן, וווינט אויף זײַן אייגענער ערד, אַקערט די אייגענע פֿעלדער, שנײַדט די ווײַנטרויבן פֿון די אייגענע ווײַנגערטנער, און דאָך האָט ער זיך דאָ געפֿילט פֿיל בעסער. ער האָט זיך דערמאָנט אַן אָרט פֿון תּלמוד, וואָס ער האָט אַ מאָל אין זײַנע יוגנט־יאָרן געלערנט, וווּ עס זאָגט זיך:

„...עס וועט קומען אַ צײַט ווען ארץ־ישׂראל וועט זיך פֿונאַנדערשפּרייטן, וווּ ייִדן וועלן זײַן – דאָרט איז ארץ־ישׂראל."

– יאָ, האָט ער פֿאַר זיך אײַנגעשטימט, צי דען דאָ איז ניט ארץ־ישׂראל, ווען איך טרינק דעם ווײַן פֿון „גפֿניה", לערן אויף מײַן שפּראַך אין מײַנע שולן, בוי דאָס לעבן ווי איך פֿאַרשטיי, און פֿיל ניט דעם דרוק פֿון דעם הײַפֿעלע אונטערדריקער, וועלכע דאָרט אין פּאַלעסטינע האַלטן נאָך פֿעסט די פּענטע איבער דעם גאַנצן אַרבעטנדיקן פֿאָלק?

און נאָך האָט ער געטראַכט אין דעם דאָזיקן פֿרימאָרגן... נאָר פּלוצלונג, וואָס זעט ער? ווער קוקט עס פֿון דעם אַנטקעגנדיקן פֿענצטער?

– איז עס אפֿשר אַ חלום? – ניין! – ער האָט אַ ווישׁ געטאָן די אויגן, אָנגעטאַפּט זײַן פֿעסטע ווײַסע האַלדז, יאָ, ער איז אויף, און דאָס זעט ער אויפֿן וואָר.

– נאָר ווער איז זי? ווּ האָט ער געזען דאָס אַזוי באַקאַנטע געזיכט?

שוין 25 יאָר ווי ער איז אין „עדעניאַ" ניט געווען, און זאָגאַר אין גאַנץ חוץ־לאָרץ, און ווי באַקאַנט איז דאָס געזיכט אים!

זײַנע גאַנצע געדאַנקען האָט ער אָנגעשטרענגט אַרום דעם איין פּונקט, ווער איז זי, די, וואָס איז אויך ווי ער אַזוי פֿרי אויפֿגעשטאַנען, און שטייט און קוקט אָן אויפֿהער צו זײַן אָפֿענעם פֿענצטער? אומזיסט האָט ער געזוכט און איבערגעבלעטערט אין זײַן זכּרון זיך צו דערמאָנען אַווּ האָט ער אַזאַ געשטאַלט געזען? – נאָר אומזיסט, ניט איין פֿרוי מיט וועלכער ער האָט זיך געטראָפֿן אויף זײַנע רײַזעס און מיט וועמען ער איז באַקאַנט געווען איז ניט געווען ענלעך אויף דעם ספֿינקס, וועלכער איז געשטאַנען ווי ער בײַם אָפֿענעם פֿענצטער אין אַ מאַט בלויען מאָרגנקלייד. ער האָט קוקנדיק אָן אויפֿהער געקענט אויך אונטערשיידן און קלערער זען די קאָנטורן און ליניען פֿון איר געזיכט און קערפּער. מיטעלע הייך, בלאָנדע האָר, די אויגן שוואַרצע, טיפֿע, ברוינע ווי דאָס אויסזען פֿון פֿולצײַטיקע קאַרשן, אַ רונדע קײַלעכדיקע טונקל בראָנזאָווע האַלדז, די שולטערן – נאַקעט. עפּעס האָט זי אויסגעזען ווי אַ שפּאַניערין. ער וואָלט גלייבן, אַז דאָס איז אַ טאָכטער פֿון די אַלטע מאַראַנען. זי שטייט און קוקט, און וואָס מער זי קוקט אַלץ באַקאַנטער ווערט זי אים.

– נאָר ווּ האָט ער איר פֿאָרט געזען?...

זיבן אַ זייגער האָט דער „אַווטאָטעלעפֿאָטאָפֿאָן" אָנגעהויבן צו קלינגען. ער איז צו צום אַפּאַראַט און באַשטעלט זיך פֿרישטיק. צוזאַמען מיט דעם פֿרישטיק, וואָס ס׳האָט זיך באַקומען אויף אַ קליין העלפֿאַנטביינישן טעצעלע, איז געלעגן אַ בריוועלע, געשריבן אויף אַ גרין בלעטל פֿון אַ בוים. אין צעטעלע איז געשטאַנען:

„אומבאַקאַנטער און דאָך באַקאַנטער פֿרײַנד!"

ער האָט אַ ציטער געטאָן איבערלייענענדיק נאָר דעם אָנהייב, ער איז צו צום פֿענצטער, די געשטאַלט איז פֿאַרשוווּנדן. ער האָט גענומען לייענען ווײַטער:

„אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז אײַער פֿאַמיליע־נאָמען קינדישמאַן, איר זײַט פֿון דער ליטע, איר זײַט דער פֿון וועלכן כ׳האָב אַ מאָל, אַ מאָל געטרוימט. ווען איר וועט מיר דורכן פֿענצטער געבן אַ צייכן מיטן פֿינגער, אָדער אַ דריק טאָן דאָס קנעפּל נ. און ב. וועל איך אײַך נאָך מיטטיילן. איך וואַרט בײַם טעלעפֿאָן־טיש.

אײַער נעמי"

קינדישמאַן איז אַרומגעגאַנגען אַן איבעראַשטער איבערן צימער, געקלערט ווער קען דאָס זײַן, נעמי? נעמי? פֿון מיר געטרוימט? נאָר וואָס קלערן? – ער האָט אויף שנעל אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל נ. און ב., ער האָט דערהערט אַ דין־מעלאָדישע שטימע און אַזאַ ליבע, אַזאַ באַקאַנטע, עפּעס האָט אים די שטים דערמאָנט זײַן אַמאָליקע לאַנג־לאַנג פֿאַרשוווּנדענע יוגנט.

– נעמי, ווער ביסטו?

– איך קום צו דיר – האָט מען געענטפֿערט – איך קום.

זי איז ניט אַרײַן ווי געוויינטלעך דורכן טיר, נאָר ער האָט דערהערט דאָס נעכטיקע הוזשען ווי פֿון „אַעראָבאַן“, נאָר דאָ איז געווען עפּעס אַנדערש – אַזוי ווי אַ זומער־פֿייגעלע איז זי אַרײַנגעפֿלויגן צו אים אין צימער. ער האָט איר מיט פֿאַרוווּנדערונג אָנגעקוקט, זי האָט גערעדט, אָפּטאָקנדיק וואָרט אין וואָרט.

– קינדישמאַן, אַיאָ, זלמן, דאַכט זיך, פֿון דער ליטע געבוירן, דאָס ביסטו?

– יאָ, איך! – האָט אַ מבֿולבלדיקער אָפּגעענטפֿערט זלמן. זי האָט אים אַ קוש געטאָן אין זײַן הויכן גלאַטן שטערן און ווײַטער גערעדט:

– איך בין די, וועלכע אַ מאָל, אַ מאָל, מיט 35 יאָר צוריק פֿלעגסטו בײַ מײַנע פֿענצטער אַרומגיין, פֿון דײַנע ליפּן פֿלעגט מײַן נאָמען ניט אַראָפּ, איך פֿלעג שטיין בײַ מײַן פֿענצטער, זיך שפּילן מיט מײַן לאַנגן בלאָנדן צאָפּ, און קוקן ווי דו פֿלעגסט ווינטער, אין פֿראָסטיקע נעכט אַרומבלאָנדזשען ווי אַ נאַכט־שומר הין און צוריק. דער עלעקטרישער לאָמפּ, וואָס ס׳איז געווען לעבן אונדזער מויער, פֿלעגט פֿונאַנדערשפּרייטן גאַרבן שטראַלן, בלאַסע, לבֿנהדיקע אויף דײַן בלייכן, בלאַסן פּנים. איך בין – נעמי.

קינדישמאַן האָט זײַן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן.

– ביסטו נעמי פֿון שולגעסל, יענע נעמי, איז עס מעגלעך? ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג? אַזוי בליִענדיק שיין?!…

– יאָ, דאָס בין איך.

זי האָט אָנגענומען זײַן האַנט, אים צוגעפֿירט, ווי מען נעמט אָן אַ קליין קינד, האָט זי אים אויף דער ווייכער פּליושענער סאָפֿקע אַוועקגעזעצט, און נאָך אַ מינוטנדיקן שווײַגן, האָט זי עפּעס אַרויסגענומען פֿון איר בוזעם.

– דו זעסט – האָט זי זיך צו אים געווענדט – אָט דאָ אויף מײַן ברוסט האָב איך 35 יאָר געטראָגן דיך, איך האָב ניט געגלייבט, אַז דו לעבסט, איך האָב ניט געהאָפֿט דיך צו טרעפֿן, נאָר דײַנס אַ ליד וואָס דו האָסט אַ מאָל, אַ מאָל וועגן מיר געזונגען, היט איך נאָך איצט. יעדן פֿרימאָרגן, ווען איך עפֿן נאָר מײַנע אויגן אויף – איז עס מײַן תּפֿילה, יעדן בײַנאַכט, ווען איך לייג זיך אויף מײַן געלעגער – איז עס מײַן קריאת־שמע, נאַ לייען.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ צוזאַמענגעלייגט גלאַנציק און דופֿטנדיק שטיקל פּאַפּיר, אויף דעם פּאַפּירל – אַן אַרויסגעריסן בלעטל פֿון אַן אַלטן זשורנאַל, ווו ס׳איז געווען געדרוקט איינע פֿון זײַנע ערשטע יוגנטלידער.

„… צי ווייס זי פֿון עמעץ אַ בחור, אַ בלאַסן,
וואָס ליבט איר ׳זוי קינדיש, כ׳וואָלט שטאַרבן פֿאַר איר;
צי ווייס זי פֿון יענעם וואָס בלאָנדזשעט אין גאַסן,
וואָס קושט אַ פֿאַרליבטער דעם שוועל פֿון איר טיר?…“

*********************

– יאָ איך האָב געוווּסט – האָט זי ווײַטער גערעדט, גלעטנדיק מיט אירע דינע צאַרטע פֿינגער זײַן שיין עטוואָס גרויען קאָפּ – יאָ איך האָב געוווּסט פֿון דײַן ליבע, און צו שטאַרק האָב איך דיך געליבט, אַז איך זאָל דיר מײַן ליבע אַנטפּלעקן קענען. די אמתע ליבע – איז די, וועלכע פֿאַרברענט אויף אַש – דאָס האַרץ, צעווייטיקט – די נשמה, ווי דיר אַזוי מיר, און איך האָב געליבט און געליטן.

– האָסטו דען נאָך ניט חתונה געהאַט? – האָט ער פּלוצלונג אַ פֿרעג געטאָן.

– ניין, האָט זי פֿעסט אָפּגעענטפֿערט. איך האָב מײַן ליבע נאָר פֿאַר דיר געהאַלטן, און אויב מיר וואָלט ניט באַשערט געווען דיר מײַן ליבע צו שענקען – איז נאָר איינער דאָ וועלכער וואָלט מײַן ליבע באַקומען – דאָס איז דער שוואַרצער טויט. נאָר מיר האָט מײַן האַרץ געזאָגט – דו ביסט ווי די פֿויגל, וועלכע האָט איר נעסט פֿאַרלאָזן, מען האָט איר צו אַן אַנדער „פּאָר“ צונויפֿגעפּאָרט, דאַכט זיך גוט, נאָר ניין, זי וועט צוריק איר „זי“ געפֿינען. און דו ביסט געקומען.

קינדישמאַן איז אַלץ געזעסן ווי פֿריִער, דעם קאָפּ צו דער ערד גענידערט און געטראַכט:

– ניט שוין זשע איז עס אויפֿן וואָר? זי, נעמי? נעמי? די שטאָלצע נעמי?…

– יאָ, דאָס בין איך! – האָט זי אים פֿעסט אומאָרעמענדיק אַרויסגערעדט, דאָס בין איך, און אויב דיר איז ווייניק באַווײַזן – נאַ, אָט האָסטו נאָך אַ באַווײַז!…

שנעל האָט זי איר מאָרגנקלייד פֿונאַנדערגעשפּיליעט, ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אים אירע נאַקעטע אַלבאַסטער־בריסט, פֿולע, שטאָלצע ווי ביַי אַ יונגער אַכצן־יאָריקער פּרינצעסין.
– נאַ, לייען וואָס אויף מייַן האַרץ איז אויסגעקריצט!...
ער האָט זייַנע אויגן ניט געגלייבט; אויפֿן סאַמע מיטן האַרץ האָט ער איבערגעלייענט:
זלמן קינדישמאַן 1909 ליטע.
ער איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר הייס ברויזנדיק און קלאַפּנדיק האַרץ, זי האָט אויף איר ברוסט זייַן קאָפּ אַרויפֿגעלייגט, אים מיט אירע נאַקעטע הענט אַרומגענומען און לאַנג־לאַנג געקושט...

*****

זלמן קינדישמאַנס גרויער קאָפּ איז געלעגן אויף נעמיס ברוסט, זי האָט אים אָן אויפֿהער געקושט, ער האָט ווי אַ קליין קינד געכליפּעט...
נאָך אַ פֿיליאָריקן רויִקן, געזונט־נאָרמאַלן לעבן אָן אויפֿרעגונג, אָן אינערלעכן ציטער, האָט ער זיך איצט שטאַרק צעכליפּעט, ווי אַ קליין קינד האָט ער אָן אויפֿהער געוויינט, געקושט איר לייַב, איר האַרץ, אירע בריסט, איר האַלדז, געקושט און געוויינט...
– וואָס וויינסטו? – האָט זי נאָך אַ לאַנגן אַ לאַנגן שווייַגן אַרויסגערעדט.
– צו שטאַרק איז דאָס גליק, צו פֿיל שוימענדיק איז דער ווייַן, און איך האָב מורא, אַז איצט וועט מייַן לעצטע לעבנס־שעה שלאָגן, ווייַל מיר האָט אַ מאָל אַן אינדיאַנישע מכשפֿה אַזוי געזאָגט:
„וועסט וואַנדערן איבער דער וועלט, וועסט לאַנג און פֿיל וואַנדערן, וועסט קומען אין אַ לאַנד פֿון אייביקן ליכט, דאָרט וועט זיך צו דיר באַווייַזן דאָס אמתע גליק, דאָס גליק וואָס מע רופֿט „ליבע". דעם ערשטן טאָג וועסטו באַרוישט ווערן פֿון דער ליבע, דעם צווייטן טאָג וועט דיך די ליבע פֿאַרשיכּורן, דעם דריטן טאָג – וועסטו וויינען פֿון פֿרייד, דאָס גליק וועט זייַן אומבאַגרענעצט, טאָג ווי נאַכט וועט דיר דאָס גליק אין אירע אָרעמס האַלטן, און האָבן וועט דאָס „גליק" בלאָנדע לאָקן און שוואַרצע ווי די נאַכט אויגן. און צום פֿערטן טאָג – וועט זי דיר אַ קוש געבן, דאָס וועט זייַן דער טויטנקוש, און ביידע, נאַקעטע, אָן קליידער, אין געשלאָסענע אָרעמס, וועט איר אויסגיין ביַי דעם קוש פֿון ליבע..." – אַזוי דערציילט האָט מיר די אינדישע מכשפֿה סאַקאַ־סיקי.
זי האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעריסן פֿון זייַנע אָרעמס, האָט עמעצן ווי אָפּגעענטפֿערט:
– איך קום גלייַך... – האָט אָנגעטאָן אירע פֿליגל און איז ווי אַ זומער־פֿייגעלע אַרויסגעפֿלויגן דורכן אָפֿענעם פֿענצטער. עס האָט זיך נאָך געהערט דאָס פֿאָכען פֿון די פֿליגל, נאָר זי איז שוין ניט געווען.
קינדישמאַן איז געבליבן אַליין.
ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן ווייגשטול לעבן פֿענצטער. דער טאָג, דער רוישנדיקער טאָג איז שוין געווען אין פֿולן ברען, עס זייַנען אויבן אין דער לופֿטן אומגעלאָפֿן די לופֿטשיפֿן, אונטן, אויף דער ערד – אויטאָבוסן, אויטאָמאָבילן און טראַמווייַען האָבן אָן אויפֿהער זיך געיאָגט איינער נאָכן צווייטן. ער האָט זיך געפּרוּווט דערמאָנען, וואָס איז דאָ מיט אים פֿאָרגעקומען? – נאָר ער האָט בשום־אופֿן ניט געקענט פֿאַרשטיין. זאָל דאָס האָבן געווען אַ חלום? נאָר ניין! עס שמעקט נאָך דער צימער מיט איר דופֿט, מיט דעם פֿרישן מיידל־אַראָמאַט. דאָס איז זי געווען, זי, נעמי!
נאָר וווּ איז זי איצט? – פֿאַר וואָס איז זי אַזוי שנעל אַוועק? און צו וועמען איז זי אַוועק? אָט די געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט; נאָר אַרויסגעפֿירט פֿון זייַן איצטיקן נשמה־צושטאַנד האָט אים דער טעלעפֿאָן, וועלכער איז באַלויכטן געוואָרן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפּרעך:
– פֿרייַנד קינדישמאַן?
– יאָ, ווער רעדט?
– חנה יוגענדבוים.
– וואָס איז מייַן ליבע פֿרייַלין? גוטן מאָרגן אייַך און אַלע אייַעריקע.

– גוטן מאָרגן. פֿאַר וואָס זײַט איר נאָך ניטאָ בײַ אונדז, וואָס האָט איר זיך פֿאַרשפּעטיקט צו קומען? מיר וואַרטן אויף אײַער קומען נאָך אײַער נעכטיקן צוזאָגן דעם פֿאָטער. איר קומט דאָך גלײַך? יאָ?

– איך קום גלײַך, מײַן שיינע חנה.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון שטול און באַשלאָסן צו גיין צו זײַן פֿרײַנד יוגענדבוים, מיט וועמען ער האָט נעכטן אַזוי אָנגענעם דעם טאָג פֿאַרבראַכט. נאָר דאָ האָט זיך בײַ אים אַ פֿראַגע געשטעלט, זאָל ער דערציילן וועגן דעם וויזיט פֿון נעמי, אָדער זאָל ער עס אָפּלייגן אויף אַ צווייטן מאָל.

– אויף אַ צווייטן מאָל! – האָט ער פֿאַר זיך באַשלאָסן און איז אַרויס פֿון זײַן צימער, זיך געזעצט אין ליפֿט, וואָס פֿירט אַרויס אויפֿן גאַס.

## XIII

– אַך, ווי אונדז פֿרייט אײַך צו טרעפֿן – האָבן יוגענדבוימס טעכטער באַגעגנט קינדישמאַנען, מיר וואַרטן אויף אײַך שוין דעם גאַנצן פֿרימאָרגן. קינדישמאַן איז געווען דעם טאָג אין אַ פֿריילעכער שטימונג, ער האָט זיי דערציילט מעשׂהלעך פֿון פּאַלעסטינישן לעבן, ער האָט זיי געוויזן פֿיל פֿאַנטאַסטישע שפּילערײַען פֿון די מיזרח־לענדער. זיי זײַנען אַרײַן אין גאָרטן, יוגענדבוימס טעכטער, די אַכצן־יאָריקע חנה און די עלטערע יהודית, האָבן אים געאָרעמט אָנגענומען און זײַנען שטיפֿעריש אַרײַן אין גאָרטן, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן גרינעם גראָז צוזאַמען מיט קינדישמאַנען. חנה האָט זיך אָפּגערופֿן:

– פֿרײַנד קינדישמאַן! איצט ליגנדיק דאָ אויפֿן גרינעם יוגנטלעכן גראָז, דערציילט עפּעס פֿון אײַער יוגנט, איבער הויפּט, אין אײַער יוגנטצײַט איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן געווען אַנדערש און אויסער דעם האָט אונדז דער פֿאָטער שטענדיק אָנגעדערציילט אַזוי פֿיל אינטערעסאַנטס פֿון אײַך, אַז עס וואָלט זײַן אַ היסטאָרישער גרעלעכטער אַז איר אַליין זאָלט אונדז ניט עפּעס וואָס דערציילן.

– געוויס, געוויס – האָט צוגעגעבן יהודית.

קינדישמאַנען האָט בײַם דערמאָנען דעם וואָרט „יוגנט“ אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ, ער איז אומעטיק געוואָרן. חנה און יהודית האָבן דערשטוינטע געקוקט אויף דער אומענדערונג, וואָס ס׳האָט זיך באַוויזן אויף קינדישמאַנס פּנים, ער איז געוואָרן בלאַסער און בלאַסער.

– וואָס איז מיט אײַך? – האָבן ביידע מיט אַ מאָל פֿול שרעק אַ פֿרעג געטאָן.

– גאָרניט, טײַערע פֿרײַנדינעס, נאָמיר אַ ביסל זיך דורכפֿאָרן אין „גרינגאָרטן“ – האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון גראָז, קינדישמאַן איז אַ מידער געבליבן ליגן אויפֿן גראָז.

– לאָזט מיר אַ ווײַלע אַליין – האָט ער אַרויסגערעדט. זיי האָבן פֿאַרלאָזן דעם גראָז־געלעגער און זײַנען אַרײַן אין דער באַצווייַגטער „בעסעדקע“, באַאומרויִקטע פֿון קינדישמאַנס הײַנטיקער שטימונג.

זיי זײַנען געזעסן אַ ווײַלע. דאָרט אין „בעסעדקע“ איז געווען פֿון שטענדיק אַ קליינע ביבליאָטעקל פֿון „גאָרטן־ליטעראַטור“, ווי מען האָט עס גערופֿן, פֿון לײַכטע דערציילונגען, דעקלאַמאַטאָרישע זאַכן, אויך איז דאָרט געווען אַ ראָיאַל־פּיליאַלע, ווו מען האָט געקענט שפּילן די בעסטע מוזיקאַלישע נומערן. חנה האָט גענומען שפּילן איינהאָרנס סאָנעטן.

קינדישמאַן איז אויפֿגעשטאַנען, צו אים האָט זיך אומגעקערט די פֿריִערדיקע מונטערקייט,ער איז אַרײַן צו זיי אין „בעסעדקע“, האָט זיך געזעצט לעבן יהודיתן. ער האָט געהערט איינהאָרנס סאָנעטן, און רויִק איז אים געוואָרן אויף דער נשמה.

– אָ, סאַראַ ליבער דיכטער ער איז – האָט זיך אָפּגערופֿן יהודית – ער איז מײַן באַליבטער דיכטער, לעבט ער נאָך?

– יאָ, ער איז איצט אין פּאַלעסטינע, מען שטעלט דאָרט איצט זײַנע אַ נײַע אָפּערע „די ליטווישע טאָכטער“ – זײַנע ווערטער, און די מוזיק איז פֿון קאָמפּאָזיטאָר אַהראָנסאָן. פֿאַרן פֿאָרן האָב איך זיך מיט אים געזען.

– איר ווייסט גאָר וואָס – האָט זיך אָפּגערופֿן חנה, די ייִנגערע – נאָמיר הײַנט גיין צוזאַמען מיט דעם גאַסט אויף פּראָפֿעסאָר שוואַרצוואַלדס לעקציע בײַ אונדז אין אוניווערסיטעט.

– וועמענס לעקציע? – האָט איבערגעפֿרעגט קינדישמאַן.

– פּראָפֿעסאָר שמעון שוואַרצוואַלד, ער איז דער באַליבטסטער לעקטאָר בײַ אונדז. זײַנע לעקציעס איבער דער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען עסייען.

– פּראָפֿעסאָר שוואַרצוואַלד? – ער דאַרף זײַן בײַ גענוי 60 יאָר? יאָ?

– יאָ? – האָט אָפּגעענטפֿערט חנה, – צי דען קענט איר אים?

– ער איז דאָך איינער פֿון מײַנע אַלטע פֿרײַנד. אין דער זעלבער צײַט ווען איך האָב מיט אײַער פֿאָטער זיך באַגעגנט האָב איך זיך אויך באַקאַנט מיטן דאַן נאָך יונגן טאַלאַנטפֿולן שוואַרצוואַלד. וועגן וועמען לייענט ער הײַנט, קען מען וויסן?

– פֿאַר וואָס ניט, הײַנט איז גראַדע זייער אַ פֿאַראינטערעסירנדיקע טעמע:

„דער גרויסער פּרץ און ווי האָבן אים זײַנע צײַטמענטשן פֿאַרשטאַנען“.

– יאָ, איר ווייסט – האָט איבערגעשלאָגן קינדישמאַן – מיר זײַנען דאָך נאָך ניט געווען בײַ דעם פּרץ־דענקמאָל. דאָס וואָלט דאָך געווען דער גרעסטער אומרעכט, ווען זײַנענדיק אין „עדעניאַ“ שוין אַ פּאָר טעג און ניט זײַן בײַ דעם דענקמאָל פֿון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן גאָניע יצחק־לייבוש פּרץ.

אין דעם מאָמענט איז אַרײַן יוגענדבוים.

– איצט, מײַנע פֿרײַנד – האָט ער זיך געווענדט צו קינדישמאַנען – בין איך גרייט און פֿרײַ, און מיר׳ן קענען פֿאָרזעצן אונדזער נעכטיקע ניט־פֿאַרענדיקטע שטאָט־עקסקורסיע.

– דער פֿרײַנד קינדישמאַן וויל גיין אויף פּרץ־גאַס, צום פּרץ־דענקמאָל – האָט אָפּגעענטפֿערט חנה איר פֿאָטער.

– דאָס איז גראַנדיעז! – האָט אײַנגעשטימט יוגענדבוים, און די גאַנצע קליינע משפּחהצקע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט און באַשלאָסן גיין צום פּרץ־דענקמאָל.

*****

קינדישמאַן איז געשטאַנען בײַ דער בראָנדז־סטאַטוע פֿון פּרצן, מיט די אויגן זיך אַרײַנגעגראָבן אין דעם טיפֿן, קלוג־נבֿיאישן בליק פֿון דעם וועלכער האָט נאָך יאָרן פֿיל צוריק פֿאָרגעזאָגט אויף דעם, וואָס ער זעט איצט מיט זײַנע אויגן.

ער האָט איבערגעלייענט די מאָטאָ אויף דעם אָנדענקונגס־מאָל, דאָרט איז געווען אויפֿגעשריבן:

„ליכט און ווײַסן – גײַסט און שיינקייט,

אויב נישט נאָך העכער“...

י.ל. פּרץ.

ער האָט זיך טיף פֿאַרנייגט, געשטאַנען אַזוי אַ רעכטע ווײַלע, די מיטשפּאַצירנדיקע – יוגענדבוים מיט די טעכטער, האָבן געקוקט מיט פֿאַרווּנדערונג אויף קינדישמאַנס תּמימות, ער האָט זיך טיף־טיף פֿאַרטראַכט.

– וואָס טראַכטסטו, מײַן פֿרײַנד? – האָט אים איבערגעריסן זײַנע מחשבֿות יוגענדבוים.

– יאָ, עס איז דאָ פֿון וואָס צו טראַכטן – האָט ער אָפּגעענטפֿערט, און ער האָט אָנגעהויבן אים עפּעס דערציילן:

– דאָס איז געווען לאַנג־לאַנג, אָט דער וואָס קוקט אויף אונדז מיט זײַן ווײַטן, אָדלערישן בליק, מיט דער רעכטער האַנט אויפֿגעהויבן איבער די אויגן און קוקט אין די ווײַטע האָריזאָנט, – ער האָט נאָך געלעבט, און אײַנגעלאַדן האָט מען אים אין דער גרויסער „עיר־הבירה“ שטאָט פּ. צו לייענען זײַנע ווערק. ער איז געקומען צו פֿאָרן, האָט אין אַ גרויסן, שיינעם זאַל געלייענט זײַנע חסידישע מעשׂהלעך, די קונסטפערעלעך וואָס אַפֿילו די פֿאַנאַטיקער בײַ אונדז אין פּאַלעסטינישע שולן לייענען און לערנען איצט נאָך מיט די קינדער. ער האָט געלייענט די ערשטע מעשׂהלע בײַ אַ פֿול געפּאַקטן זאַל; די צווייטע איז שוין דער זאַל האַלב אַ פּוסטער געווען; צו דער דריטער – איז נאָר אייניקע פֿון זײַנע אינטימע פֿרײַנד און פֿאַרהערער געבליבן, און דאַן האָט ער אַ מעשׂהלע אָנגעהויבן שפּינען. די מעשׂהלע וועגן אַ גאָלדערנער צוקונפֿט וועלכע ער און די איינצלנע וואָס האָבן אים געהערט, האָבן געפֿילט זײַן באַשיידונג און פֿאַרשטאַנען.

– זײַנען דען די מענטשן אַזוי ווילד דאַן געווען, אַז הערנדיק פֿון זײַן אייגן מויל לייענען זײַנע געניאַלישע מעשׂהלעך האָבן זיי דעם זאַל פֿאַרלאָזן? ווי האָט עס פּאַסירט? – האָבן אומגלייבלעך געפֿרעגט יוגענדבוימס טעכטער.

– צום באַדויערן, יאָ – עס זײַנען געווען אויך אַזוינע מענטשן, און זיי זײַנען דאַן אין דער מערהייט געווען.

– דער זייגער האָט איינס געוויזן, איצט איז די צײַט אויף דער לעקציע אין אוניווערסיטעט צו גיין – האָבן זיך חנה און יהודית געווענדט צו קינדישמאַנען – נאָמיר אַהין גיין, וועט איר זיך טרעפֿן מיט אײַער אַלטן פֿרײַנד, איר וועט זען די יוגנט, וועלכע פֿילט אָן דעם גרויסן אוניווערסיטעט־זאַל, ניט נאָר צו הערן אים, פּרצן אַליין – דאָס האָבן מיר שוין, צום באַדויערן, פֿאַרשפּעטיקט, נאָר וועגן אים, ווען מען לייענט – איז שוין אויך בײַ אונדז אַ יום־טובֿ, און איבער הויפּט ווען עס לייענט נאָך דער באַליבטער פּראָפֿעסאָר אונדזערער ש. שוואַרצוואַלד.

זיי האָבן גענומען אַן אויטאָבוס, זיך זאַלבע פֿערט אַרײַנגעזעצט, געהייסן פֿירן צום ייִדישן אוניווערסיטעט, אין קולטור־קוואַרטאַל.

זיי זײַנען אָנגעקומען בײַ אַ גרויסער, הויכער געבײַדע, געבויט פֿון בעטאָן און מירמלשטיינער, דער סטיל אַן אַלטייִדישער, צוויי קאָלאָנען, אויף די קאָלאָנען אַלטע מיזרחישע שניצונגען. מיט פֿײַערדיקע, שטענדיק לײַכטנדיקע אותיות האָט מען געקענט איבערלייענען:

ייִדישער אוניווערסיטעט.

געבויט פֿון דער קהילה.

זיי זײַנען אַרײַן אין דעם אודיטאָריע־זאַל, פֿול און פּאַק זײַנען געווען די צוהערער, סטודענטן און סטודענטקעס האָבן אָנגעפֿילט דעם גרויסן זאַל מיטן גלעזערנעם דאַך. זיי זײַנען דורך צווישן די קאָלאָנעס. ער האָט דערהערט אים גוט באַקאַנטע נעמען, דאָ האָט אַ גרופּע סטודענטן און סטודענטינס געפּילפּולט זיך וועגן די סימבאָלן בײַ פּרצן, דאָ – זעצנדיק זיך אויף זייערע ערטער, קינדישמאַן, יוגענדבוים מיט זײַנע טעכטער – האָבן זיי געהערט דעם שכנישן געשפּרעך פֿון די וואָס זײַנען געזעסן נעבן זיי.

– און איך זאָג – האָט גערעדט פֿול היץ און טעמפּעראַמענט אַ שוואַרץ־חנעוודיק מיידל צו איר חבֿרטע – ווײַסענבערגס דראַמען זײַנען דאָך ווי אויסגעהאַקטע סקולפּטורן, אין זיי איז ניטאָ די לײַכטע קינדישקייט פֿון אַש, און דערום זאָג איך אַז אַש איז אַ דערציילער, אַ מאָלער אָבער ניט קיין דראַמאַטורג, איך רעד שוין ניט פֿון די יונגע ווי פֿעלדמאַן, בלימלינג, לאה לעווינסקי און די גאַנצע יונגע שול.

– און איך בין מיט דעם ניט אײַנשטימיק, האָט איר אָפּגעענטפֿערט די צווייטע – אַשס פֿאַרדינסטן זײַנען אומגעהײַער גרויס, נאַ לייען אַפֿילו ד״ר עליסאָנען, דעם 24סטן באַנד, וווּ ער גיט זײַן איבערזיכט „50 יאָר אַשישע שאַפֿונג“ וועסטו אויך זען אַז ניט קוקנדיק וואָס ער איז ניט פֿון זײַנע חסידים, ער גייט זיך פֿיל פֿונאַנדער מיט שוואַרצוואַלדן, דאָך געפֿינט ער אויך, אַז נאָך פּרצן פֿאַרנעמט אין דער ליטעראַטור דעם גרעסטן אָרט – ער. איך רעד ניט וועגן דעם יונגן געניאַלן בלימלינג, וועגן אים קענען מיר נאָך ניט רעדן.

– האָסט געלייענט, רות – איז צוגעלאָפֿן אַ צעהיצטער יונגער בחורל, אַ יאָר אַכצן, צו דער פּילפּולדיקער שוואַרץ־חנעוודיקער פֿרײַלין – האָסט געלייענט בלימלינגס נײַע פּאָעמע אין „וואַסערפֿאַל“?

– ניין.

– אויסגעצייכנט. קום אַרײַן צו מיר היינט פֿאַר נאַכט, וועסטו באַקומען דעם לעצטן נומער „וואַסערפֿאַל“.

עס איז געוואָרן אַ הוזשערײַ, אַ טומל, די אַלע פֿאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן אומגעשפּאַצירט איבערן זאַל האָבן זייערע ערטער פֿאַרנומען. עס איז אויף דער קאַפֿעדרע אַרויף אַ מאַן פֿון מיטעלער הייך, אין גאָלדענע ברילן, די האָר לאַנגע, פֿונאַנדערגעוואָרפֿן אין לאָקן, מיט אַ ווײַסן מאַניש. עס איז שטיל געוואָרן צווישן דעם טויזנט־קעפּיקן יונגן עולם. עס האָט אָנגעהויבן האַלטן זײַן פֿאָרטראָג וועגן דעם גרויסן פּרצן, דער פּראָפֿעסאָר ש. שוואַרצוואַלד – דער ליבלינג פֿון דער יונגער ייִדישער „עדעניאַ“.

*******

ער האָט געענדיקט לייענען. דונערן אַפּלאָדיסמענטן, מען האָט אים אויף די הענט אַרויסגעטראָגן, אין דער לופֿטן זײַנען געפֿלויגן בלומען, וועלכע די סטודענטינס פֿלעגן באַוואַרפֿן זייערע באַליבטע פּראָפֿעסאָרן. עס האָט די לופֿט פֿאַרקלונגען מיט אויסרופֿן:

– זאָל לעבן די רײַכע און גרויסע ייִדישע קולטור!
– זאָל לעבן אין אונדזער אָנדענק אונדזער נאַציאָנאַלער גאָניע פּרץ!
– זאָל לעבן שוואַרצוואַלד! אוראַ! אוראַ! אוראַ! – האָט פֿאַרקלונגען די גאַס וואָס אַרום אוניווערסיטעט.
עס איז געוואָרן שוין פֿאַרנאַכטלעך. זיי זײַנען אַלע אַרויס פֿון אוניווערסיטעט־גאַס, זיי האָבן זיך געפֿונען ניט ווײַט פֿון דעם „טורעמפּלאַץ“, וועגן וואָס יוגענדבוים האָט נאָך דערציילט זיצנדיק בײַ אים אין „פּרײַפּאָלק“.
– עס וועט זײַן גענוג אויף הײַנט – האָט זיך געווענדט צו זײַנע פֿרײַנד קינדישמאַן – צו פֿיל גליק וועל איך אײַנזאַפּן פֿאַר איין טאָג.
זײַנע אויגן זײַנען פֿול טרערן געוואָרן. דאָס זײַנען געווען גליקסטרערן וועלכע ס׳האָט אַרויסגערופֿן דאָס אַלץ געזעענע אין און בײַ דעם אוניווערסיטעט.
– מאָרגן, מײַנע פֿרײַנד, וועלן מיר שוין באַזוכן אויך דעם „טורעמפּלאַץ“.
– נו, אויב פֿרײַנד קינדישמאַנען איז אָנגענעמער מאָרגן – וועלן מיר אָפּלייגן אויף מאָרגן.

*******

קינדישמאַן איז געקומען צו זיך אין צימער. אים האָט אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע בענקשאַפֿט צו זען איצט נעמין. ער איז צו בײַם פֿענצטער. אים האָט זיך געדוכט, ער האָט געהאָפֿט, אַז ווידער וועט ער זי טרעפֿן, נאָר אומזיסט. ער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ רעכטע ווײַלע און קיינער האָט זיך ניט באַוויזן. ער איז צו צום אַפּאַראַט, ער האָט זיך דערמאָנט אַז זי האָט אים געהייסן דריקן נ. און ב. ער האָט עס געטאָן, נאָר קיינער האָט אים אָפּגעענטפֿערט. ער האָט זיך קיין אָרט געפֿונען און ענדלעך האָט ער באַשלאָסן נאָך הײַנט צוגיין אין „טורעמפּלאַץ“ רעכענענדיק, טאָמער וועט ער איר דאָרטן טרעפֿן.

*******

אויפֿן ראָג שעווטשענקאָ האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין „דעכערבאַן“ און איז אָנגעקומען צום „עדעניאַ־טורעם“. צו ערשט איז ער אַרײַן אין ביבליאָטעק, האָט גענומען לייענען דעם אַלטן אַמאָליקן באַליבטן שרײַבער זײַנעם שאָפּענהויער, איז אַרײַן אין גאָרטן. אים האָט זיך דאַן געוואָלט זייער טרעפֿן נעמין, נאָר ניט נאָר זי האָט ער דאָרט ניט געטראָפֿן, נאָר איבער הויפּט איז דאָרט קיין פֿרויען דעם טאָג ניט געווען. ער איז אַריבער פֿון דער ביבליאָטעק אין „קונסט־מוזעום“, האָט באַקוקט די גיפּסקולפּטורן פֿון קריצענשטיין, ליסי־ציקי, ראָזאַ פֿײַנגאָלד, איז אַרויף אויפֿן אייבערשטן לעצטן שטאָפּל, האָט הינטער זיך די טיר פֿאַרמאַכט, און לאַנג־לאַנג ווידער געקוקט, געקוקט און געטראַכט, געטראַכט און פֿאַרטראַכט זיך...

## XIV

עס איז אַוועק אַ טאָג און צוויי, קינדישמאַן האָט זיך אין ערגעץ ניט געוויזן. נעמי איז ניט איין מאָל געווען אין זײַן צימער, נאָר אים האָט זי ניט געפֿונען. יוגענדבוים און די פֿאַמיליע האָבן זיך זייער געוווּנדערט פֿאַר וואָס שוין עטלעכע טעג ווי ער קומט צו זיי ניט. די פֿאַרוווּנדערונג איז אַריבער אין אַ שטאַרקן באַאומרויִקן זיך, זיי האָבן זיך געווענדט אין אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. ניטאָ קיין ענטפֿער. זאָל ער האָבן אַוועקגעפֿאָרן, ניט האָבנדיק זיך געזעגנט? – קען ניט זײַן, צו פֿיל שטאַטסמאַן איז ער געווען, אַז ער זאָל אַוועקפֿאָרן קיינעם נישט זאָגנדיק. און אַ טרויער האָט באַהערשט בײַ יוגענדבוימען אין הויז. עס האָט זיך געפֿילט, אַז עפּעס דריקט וואָס אַלעמען אויף דער נשמה, אַ באַהאַלטן שרעק האָט גערוט אויף אַלעמענס פּנימער, ווי יוגענדבוים אַזוי אויך זײַנע טעכטער. פּלוצעם, אָוונט, ווערט ליכטיק דער טעלעפֿאָן־טישל. בײַם אַפּאַראַט זיצט יוגענדבוים, די הענט און זײַן שטימע ציטערן, ער האָט געפֿילט ווי אַ פֿאַרזאָג פֿון זײַן האַרץ, אַז דאָ וועט אים אַ בשׂורה־רעה אָנגעזאָגט ווערן, מען האָט גערעדט פֿון דער צענטראַלער קהילה.

„הייַנט 7 אָוונט בײַ זונען־אונטערגאַנג האָט מען אין גערטל פֿון „עדעניאַ־טורעם“ געפֿונען טויט, אַ יונגן־מאַן, אַ יאָר 45 מיט שוואַרץ־גרוילעכע האָר, געראַזירט. אין זייַן פּאָרטפֿעל, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, האָט מען געפֿונען פֿאָלגנדע וויזיט־קאַרטע:

זלמן קינדישמאַן

פּאָרזיצנדער פֿון דער אַלוועלטלעכער סטאַטיסטישער קאָמיסיע.

זוכנדיק ווייַטער האָט מען געפֿונען אייַער אַדרעס, עס איז אויך איבערגעבליבן פֿיל פּאַפּירן, מאַנוסקריפּטן. קומט גלייַך אין קהילה־ראַט, אָפּטייל „סטאַטיסטיק פֿון די געבוירענע און געשטאָרבענע“. דאָס פֿאַרברענען וועט זייַן מאָרגן 11 אַ זייגער אין דער פֿרי“.

אַלע שטוביקע זייַנען נעבן אַפּאַראַט געשטאַנען, זעענדיק די פֿאַרבלאַסטקייט וואָס ס׳האָט אָנגענומען דעם פֿאָטערס פּנים, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט עפּעס אומגעוויינלעכס געטראָפֿן. ווי אָסיענבלעטער אויף אַ בוים האָבן זיי געציטערט. יוגענדבוים איז געפֿאַלן אויפֿן שטול, קוים־קוים האָט ער געקענט ענטפֿערן אויף די פֿראַגן פֿון די קינדער.

– יאָ געשטאָרבן קינדישמאַן.

און עמעץ האָט צוגעגעבן:

– אויך אין דער צוקונפֿטשטאָט וועט דער טויט דאָס זייַניקע נעמען...

כאַרקאָוו, 1918